בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פון חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת יִתְרוֹ

תשפ"א

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

היכל הקודש וויליאמסבורג
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

היכל הקודש קרית יואל
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

היכל הקודש בארא פארק
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

היכל הקודש מאנסי
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

קול
ברסלב
**212-444-9191**

חיזוק פאר די
אידישע שטוב
**212-444-9169**

**חיזוק יומי**

צו באקומען די חיזוק יומי

אימעיל
chizikyomi@gmail.com

טעלעפאון מעסידזשינג
347-630-2876

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז מַיין ווַייבּ זָאל אוֹיפְגֶעבְן אִיר טְרֵיפָה'נֶעם טֶעלֶעפָאן?..........................................א

וִוי אַזוֹי רַאטֶעוֶועט מֶען זִיךְ פוּנֶעם שְׁלֶעכְטְן יֵצֶר הָרָע?..........................ג

זָאל אִיךְ לָאזְן מַיין ווַייבּ וַוייזְן וִוידִיאָס פַאר דִי קִינְדֶער?..........................ה

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר'ן מִיר גֶעבְן צֶען מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה..........................ו

וִוי אַזוֹי בַּארוּאִיגְט מֶען דִי נֶערְוֶועןְ?..........................................ח

וֶוען מֶעג אַ פְרוֹי גֵיין אוֹיף קִבְרֵי צַדִּיקִים?..........................................ט

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

וֶוען דִי גְרֶענִיצְן עֶפֶענֶען זִיךְ, וֶועל אִיךְ קוּמֶען רֶעדְן בַּיי אַייךְ אִין יְשִׁיבָה ....א

הֶעלְפְן מַאכְן דִי הָאר בַּיי חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה..........................................א

אַיינְקַאסִירְן אַ נְדָבָה פַאר'ן בִּנְיָן אִין אוּמַאן ..........................................ב

שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן אוֹיף דֶעם ..........................ב

הֵייבּ אָן פוּן פְרִישׁ לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים..........................................ג

אַ סְגוּלָה פַאר פַּרְנָסָה..........................................ד

אִין זְכוּת פוּן דִי חֶסֶד, זָאלְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת ..........................ה

וֶוען מֶען וֵוייסְט וֶוען וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז, ווָאלְט מֶען נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט דֶערְפוּן..........................................ה

אַנְשְׁטָאט זִיךְ טַעֲנָה'ן, זָאלְט אִיר אַרַיינְכַאפְּן נָאךְ אַ מִשְׁנָה, נָאךְ אַ בְּלַאט גְמָרָא..........................................ז

אַ קִינְד וָואס לֶערְנְט עִבְרִי טָאר נִישְׁט פַארְפֶעלְן אַ טָאג אִין קְלַאס .............. י
נֶעם אִינְגֶעלַייט פוּן כּוֹלֵל זָאלְן הֶעלְפְן בּוֹדֵק זַיין דֶעם עֵירוּב ................. יא
מַאכְן אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה אִין שְׁטוּבּ אוּם חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט ................. יא
חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט זִיךְ אוּן פַארְבְּרֶענְג מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה ................. יב
נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ גֶעבְּן בְּחִינָם דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים ................. יג
גֵיין לֵיידִיג בְּרֶענְגְט מֶען זָאל וֶוערְן דֶעפְּרֶעסְט אוּן צוּ נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן ...... יד
חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט אִיז אַ טָאג וָואס אִיז מְסוּגָל זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן .............. טו
אַ שָׁאד אִיר זוּכְט פְרֶעמְדֶע גְלִיק; דִי גְלִיק לִיגְט בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ .......... טז
עֶקְסֶערְסַייז פַאר פְרוֹיעֶן דַארְף זַיין בִּצְנִיעוּת ................. יז
קוּק נִישְׁט קַיין חָתָן כַּלָּה בִּילְדֶער ................. יז
אַוֶועקְנֶעמֶען דִי פְּחָדִים בַּיינַאכְט ................. יח
אַז מֶען נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינֶעם לֶעבְּן, הָאט מֶען אַ חַיִּים טוֹבִים ................. יט
נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן אַז טֵייל גֶעבְּן זִיךְ אַן עֵצָה אַלֵיין ................. כא
אוֹיבּ מֶען קוּמְט נִישְׁט צַייטְלִיךְ אִין כּוֹלֵל קֶען מֶען נִישְׁט קוּמֶען מֶער אִין כּוֹלֵל ................. כב
וֶוען אִיר גְרֵייט זִיךְ צוּ דִי חֲתוּנָה זָאלְט אִיר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן ................. כב
הָאסְט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט דַיין טֶעבְּלֶעט, בִּיסְטוּ אַרוֹיס פוּן תְּפִיסָה ................. כג
אַז מִיר וֶועלְן אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם וֶועלְן מִיר אוֹיסְטֶערְלִישׁ מַצְלִיחַ זַיין .... כד

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ מַאכְן אַז מַיין וַוייבּ זָאל אוֹיפְגֶעבְּן אִיר טְרֵיפָה'נֶעם טֶעלֶעפָאן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

פַּאר בְּעֶרֶךְ אַ יָאר אוּן אַ הַאלְבּ צוּרִיק הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָנְגֶעטְרָאפְן מִיט דִי נוּמֶער פוּן "קוֹל בְּרֶסְלֶב", אוּן פוּן דֶעמָאלְט בִּין אִיךְ שׁוּלְדִיג אַ גְרוֹיסֶע הַכָּרַת הַטּוֹב פַאר'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר אַזוֹיפִיל זַאכְן וָואס הָאט זִיךְ מִיר גֶעטוֹישְׁט צוּם גוּטְן אִין לֶעבְּן. לְמָשָׁל הָאבּ אִיךְ דָאס יָאר צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען יֶעדֶע וָואךְ, אִיךְ לֶערְן יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, אִינְדֶערְפְרִי אוֹיפְ'ן וֶועג צוּם אַרְבֶּעט הֶער אִיךְ אוֹיס דִי גְמָרָא שִׁיעוּר אוּן אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים בַּיינַאכְט הֶער אִיךְ אוֹיס דִי חִיזוּק שִׁיעוּר, דָאס הֶעלְפְט מִיר אַזוֹיפִיל אִין לֶעבְּן, בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט אַסַאךְ קֶעגְן קוּקְן מָאוִויס, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ קוּק שׁוֹין נִישְׁט קַיין מָאוִויס, אָבֶּער קְלֵיינֶע קְלִיפְּס וָואס מֶען שִׁיקְט מִיר אוֹיף וַואטְסְעֶפּפּ קוּק אִיךְ נָאךְ יָא לֵיידֶער, אִיךְ הָאף אַז אִיךְ וֶועל זִיךְ אָפְּגֶעוואוֹינֶען אוֹיךְ פוּן דֶעם.

אִיךְ מִיט מַיין וַוייבּ הָאבְּן בֵּיידֶע סְמַארְטְפָאוֹנְס, בַּיי מֵיינֶע אִיז אָפְן נָאר וַואטְסְעֶפּפּ אוּן אֵיין פְּלַאץ פוּן נֵייעֶס, אָבֶּער בַּיי מַיין וַוייבְּ'ס אִיז אַלֶעס אָפְן. אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעקוֹיפְט אַ נֵייעֶם טֶעלֶעפָאן וָואס הָאט נָאר וַואטְסְעֶפּפּ אַז זִי זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁרַייבְּן מִיט מִשְׁפָּחָה אוּן מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן אַ טְרֵיפָה'נֶעם טֶעלֶעפָאן אִין שְׁטוּב, וֶוען אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעוָואלְט אַוֶועקְנֶעמֶען דִי טְרֵיפָה'נֶע טֶעלֶעפָאן הָאט זִי נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען, זִי זָאגְט אַז זִי דַארְף עֶס הָאבְּן, זִי הָאט דָארְט רֶעצֶעפְּטְן צוּ קָאכְן אוּן בַּאקְן, אוּן זַאכְן פַאר אִיבּוּנְגֶען וְכַדּוֹמֶה.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵייןְ מִיט כֹּחַ קֶעגְן אִיר, אָבֶּער אִיךְ וויל וִויסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ אַן עֵצָה צוּ גֶעבְּן אִין דֶעם עִנְיָן, ווִי אַזוֹי זֶע אִיךְ אַרוֹיס דֶעם טְרֵיפָה'נֶעם טֶעלֶעפָאן פוּן מַיין הוֹיז?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַזוֹי ווִי דוּ אַלֵיינְס הָאסְט אָפְּגֶעלָאזְט דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן; דוּ שְׁרַייבְּסְט אַז זַייט דוּ בִּיסְט מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן, דוּ הֶערְסְט דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן - הָאסְטוּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען אוּן דוּ קוּקְסְט מֶער נִישְׁט קַיין מָאוִויס, אַזוֹי וֶועט זִיךְ צוּבִּיסְלֶעךְ טוֹישְׁן בַּיי דַיין וַוייבּ; זִי וֶועט אוֹיךְ אָפְּלָאזְן דִי זַאכְן, זִי וֶועט אַוֶועקְלֵייגְן דֶעם טֶעלֶעפָאן.

גֵיי נִישְׁט בְּכֹחַ, רֶעד נִישְׁט פוּן דֶעם; אַרְבֶּעט פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, דוּ בְּרֶענְג אַרַיין דֶעם רֶבִּי'ן אִין דַיין שְׁטוּבּ. דֶער רֶבִּי וֶועט שׁוֹין טוּן דִי אַרְבֶּעט, דֶער רֶבִּי וֶועט אַרוֹיסְנֶעמֶען אַלֶע שְׁלֶעכְטֶס פוּן דִיר אוּן פוּן דַיין וַוייבּ. דֶער רֶבִּי רֵיינִיגְט פוּן אַלֶע פְלֶעקְן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שלב): "אֲנִי נָהָר הַמְטַהֵר מִכָּל הַכְּתָמִים", אִיךְ בִּין אַ טַייךְ וָואס רֵיינִיגְט פוּן אַלֶע שְׁמוּצִיגֶע פְלֶעקְן; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שְׁמוּעֶס וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אֲפִילוּ אַ צַדִּיק גָּמוּר אַ גַאנְץ לֶעבְּן - אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי ווִי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שכ): "כָּל מִי שֶׁיְּצַיֵּת אוֹתִי וִיקַיֵּם כָּל מַה שֶּׁאֲנִי מְצַוֶּה, בְּוַדַּאי יִהְיֶה צַדִּיק גָּדוֹל יִהְיֶה מַה שֶּׁיִּהְיֶה", וֶוער עֶס וֶועט מִיר פָאלְגְן אוּן טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ הֵייס וֶועט זִיכֶער וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק - זָאל עֶס זַיין וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין.

זֶע אֵיין זַאךְ, בְּרֶענְג אַרַיין דֶעם רֶבִּי'ן אִין שְׁטוּבּ; רֶעד פוּן רֶבִּי'ן, דֶערְצֵייל מַעֲשִׂיּוֹת פוּן רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי זָאל וֶוערְן אַ חֵלֶק פוּן עֶנְקֶער לֶעבְּן; וֶועסְטוּ זֶען וָואס וֶועט פַּאסִירְן, מֶען וֶועט נִישְׁט דֶערְקֶענֶען נִישְׁט דִיר אוּן נִישְׁט דַיין וַוייבּ,

עֶס וֶועט וֶוערְן נַייעֶ מֶענְטְשְׁן. אֶ נַייעֶ שְׁטוּב; אַ שְׁטוּב פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, אַ שְׁטוּב פוּן שִׂמְחָה, אַ לֶעבֶּעדִיגֶע שְׁטוּב, אַ לִיכְטִיגֶע שְׁטוּב.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי אַזוֹי רַאטֶעוֶועט מֶען זִיךְ פוּנֶעם שְׁלֶעכְטְן יֵצֶר הָרָע?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ פִיר בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב, פְרֵיילִיךְ אוּן גֶעזוּנְט, מִיט פְרוּמֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. אִיךְ לֶערְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר פְלַייסִיג, אִיךְ הֵייס אַ שֵׁיינֶער תַּלְמִיד חָכָם, אָבֶּער אִינְדֶערְהֵיים אִיז נִישְׁטָא קַיין גֶעשְׁמַאק אוּן אִיךְ אַנְטְלוֹיף צוּ טוּן עֶקְלְדִיגֶע זאכְן אֲפִילוּ אָן טָמֵא'נֶע כֵּלִים, עֶס אִיז מַמָּשׁ אָן מַיין ווִילְן, אָבֶּער דֶער יֵצֶר הָרָע שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף מִיר.

אִיךְ בֶּעט דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה זָאל מִיר הֶעלְפְן פַּאר עֶס אִיז שׁוֹין צוּ שְׁפֶּעט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י״ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

עֶס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט גְלֵייבְּן ווִי נַארִישׁ דוּ בִּיסְט; פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעסְטוּ אוֹיס ווִי אַ פַארְשְׁטֶענְדְלִיכֶער מֶענְטְשׁ, דוּ שְׁטֶעלְסְט אַ פָּנִים פוּן אַ תַּלְמִיד חָכָם אוּן שְׁטִילֶערְהֵייט גֵייסְטוּ טוּן עֲבֵירוֹת, דוּ בִּיסְט אַ נוֹאֵף, אַ זִינְדִיגֶער מֶענְטְשׁ בְּשָׁעַת דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ; אַ ווּאוּילֶע וַוייבּ, אַן אֵשֶׁת חַיִל, גֵייסְטוּ אוּנְטֶער אִיר רוּקְן טוּן עֲבֵירוֹת?!

גֶעוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן! וואוּ אִיז דַיין שֵׂכֶל? דוּ בִּיסְט גְרֵייט צוּ פַארְלִירְן דַיין לֶעבְּן וֶועגְן אַ תַּעֲנוּג פוּן אַ פֶערְטְל שָׁעָה? דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן קח): ״אַ מֶענְטְשׁ פוּן אֵיין תַּעֲנוּג'ל וֶועגְן פוּן אַ פֶערְטְל שָׁעָה, קָאן עֶר אָן וֶוערְן גָאר דֶעם עוֹלָם הַזֶּה מִיט דֶעם עוֹלָם הַבָּא״.

עֶס גֵייט נִישְׁט אַרַיין אִין קָאפּ וָואס אִיז דִי זַאךְ פוּן גֵיין זִינְדִיגְן; אִיךְ זָאג דִיר דֶעם אֱמֶת, דוּ בִּיסְט אִין מַיינֶע אוֹיגְן אַ גְרוֹיסֶער שׁוֹטֶה, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל׳דִיגֶע זַאךְ וָואס דוּ טוּסְט, עֶס אִיז קֶעגְן נָארְמַאלְקֵייט; אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער, אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע מִשְׁפָּחָה, וָואס אִיז דִי שֵׂכֶל צוּ גֵיין אוּנְטֶערְן רוּקְן פוּן דִי וַוייבּ - פוּן אֱמֶת׳עֶ לִיבְּשַׁאפְט, אֱמֶת׳עֶ פְרַיינְטְשַׁאפְט, אֱמֶת׳עֶ פְרִידְן, אֱמֶת׳עֶ נָאנְטְקֵייט, אוּן גֵיין צָאלְן גֶעלְט פַאר שֵׁדִים אוּן שֵׁדוֹת זֵיי זָאלְן זִיךְ מַאכְן וִוי זֵיי זֶענֶען פַאר דִיר?! זֵיי זָאלְן דִיר אַיינְרֶעדְן פַאר אַ פֶערְטְל שָׁעָה אַז זֵיי זֶענֶען דַיינֶע פְרַיינְט? דַיינֶע לִיבְּהָאבֶּער? דַיינֶע נָאנְטֶע? בִּיסְט מְשׁוּגָע?! דוּ גֶעבְּסְט גֶעלְט פַאר קְלִיפּוֹת אוּן רוּחוֹת רָעוֹת זֵיי זָאלְן דִיר צוּנֶעמֶען דַיין לֶעבְּן?

מֵיין נִישְׁט אַז דוּ וֶועסְט צוּ לַאנְג קֶענֶען טְרָאגְן דֶעם סוֹד, רֶעד זִיךְ נִישְׁט אַיין אַז מֶען קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; "וְעֵין נֹאֵף", דִי זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן, "שָׁמְרָה נֶשֶׁף", וַוארְטְן עֶס זָאל וֶוערְן טוּנְקֶל, עֶס זָאל וֶוערְן נַאכְט, "לֵאמֹר", זֵיי זָאגְן, "לֹא תְשׁוּרֵנִי עָיִן", בַּיינַאכְט קֶענֶען מִיר זִינְדִיגְן, קֵיינֶער זֶעט נִישְׁט (אִיּוֹב כד, טו), אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט גָאר עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, "הַנּוֹאֵף אוֹמֵר אֵין בְּרִיָּה יוֹדַעַת בִּי", דֶער זִינְדִיגֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וֶוער אִיךְ בִּין, וואוּ אִיךְ בִּין אוּן וָואס אִיךְ טוּ, "לְפִי שֶׁכָּל מַעֲשָׂיו אֵינָן אֶלָּא בַּחֹשֶׁךְ", וַוייל עֶר גֵייט אִין בַּאהַאלְטֶענֶע פְּלֶעצֶער, עֶר מַאכְט זִיכֶער אַז קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וִויסְן וָואס עֶר טוּט, "וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְפַרְסְמָן בָּעוֹלָם (בַּמִּדְבָּר רַבָּה ט, א)", אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְשֶׁעמְט אִים אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

אִיךְ צִיטֶער פַאר דִיר, אִיךְ צִיטֶער וָואס וֶועט זַיין; בַּאלְד וֶועלְן אַלֶע זֶען וֶוער דוּ בִּיסְט, מֶען וֶועט זִיךְ דֶערְוִויסְן אַז דוּ בִּיסְט אַ נוֹאֵף, דַיין וַוייבּ וֶועט דִיר אָפְּלָאזְן, דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ שֶׁעמֶען מִיט דִיר, זֵיי וֶועלְן נִישְׁט רֶעדְן מִיט דִיר, דוּ וֶועסְט אַלֶעס פַארְלִירְן. זַיי נִישְׁט נַארִישׁ, וַוארְט נִישְׁט עֶס זָאל וֶוערְן צוּ שְׁפֶּעט. מֶען הֶערְט כְּסֵדֶר מַעֲשִׂיּוֹת פוּן זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן וָואס וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט; עֶס וֶועט נִישְׁט נֶעמֶען צוּ לַאנְג אוּן מֶען וֶועט גֶעווּאוֹיר וֶוערְן וֶוער דוּ בִּיסְט אוּן וָואס דוּ טוּסְט.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה כו, ה): "עַל הַכֹּל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַאֲרִיךְ אַפּוֹ, חוּץ מִן הַזְּנוּת", אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס אַ מֶענְטְשׁ טוּט, וַוארְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ נִיאוּף רַחֲמָנָא לִצְלָן, דָארְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער נִישְׁט מַאֲרִיךְ אַף, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאשְׁטְרָאפְט דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט אַ בִּיטֶערְן עוֹנֶשׁ.

אַז דוּ וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּן - וֶועסְטוּ גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן, אַז נִישְׁט - וֶועסְטוּ אַלֶעס פַאֽרְלִירְן, דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט.

...

## זָאל אִיךְ לָאזְן מַיין וַוייבּ וַוייזְן וִוידִיאָס פַאר דִי קִינְדֶער?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ וואוּילֶע וַוייבּ מִיט לִיכְטִיגֶע קִינְדֶערְלֶעךְ. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל וַוייטֶער הֶעלְפְן.

אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז וֶוען דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים פוּן חֵדֶר אוּן שׁוּלֶע הָאבְּן זֵיי נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין שְׁכֵנִים מִיט וֶועמֶען דִי קִינְדֶער זָאלְן קֶענֶען שְׁפִּילְן אוּן דָאס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם.

סְפֶּעצִיעֶל מַיין אִינְגְל, וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים פוּן חֵדֶר אִיז עֶר דִי עֶרְשְׁטֶע פָּאר מִינוּט גַאנְץ רוּאִיג, אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער וֶוערְט עֶר זֵייעֶר נֶערְוֶועז אוּן אוֹיפְגֶערֶעגְט, עֶר שְׁלָאגְט אוּן קְרִיגְט זִיךְ מִיט דִי שְׁוֶועסְטֶערְס אוּן אִיךְ וַוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

לֶעצְטְנְס הָאט מַיין וַוייבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן וַוייזְן וִוידִיאָס פַאר דִי קִינְדֶער, זִי טַעְנָה'ט אַז אַזוֹי וֶוערְן זֵיי רוּאִיג, זֵיי מַאכְן נִישְׁט נֶערְוֶועז דִי עֶלְטֶערְן אוּן קְרִיגְן זִיךְ וֶוייניגֶער, אִיךְ וִויל דָאס זֵייעֶר נִישְׁט אוּן אִיךְ וַוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי אִיר צוּ עֶרְקְלֶערְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט גוּט, זִי זָאל זֵיי נִישְׁט וַוייזְן קַיין זַאכְן אוֹיפְ'ן קָאמְפְּיוּטֶער.

אֶפְשַׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר מַדְרִיךְ זַיין וִוי אַזוֹי צוּ הַאנְדְלֶען בַּיי דֶעם עִנְיָן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י״ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס נִישְׁט, נִישְׁט קַיין ווִידִיאָס; אִיךְ בֶּעט דִיר טוּ דָאס נִישְׁט, מַאךְ נִישְׁט דֶעם טָעוּת, וַוייז נִישְׁט דִי קִינְדֶער קַיין ווִידִיאוֹס. עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חִינוּךְ, עֶס אִיז נִישְׁט גוּט פַּאר זֵיי; קֶען זַיין אוֹיף דִי מִינוּט בַּארוּאִיגְט דָאס, מֶען קֶען זֵיי מִיט דֶעם שְׁטִיל מַאכְן, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט גוּט פַּאר זֵיי.

קִינְדֶער מֶעגְן זַיין ווִילְד, גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען, קִינְדֶער דַארְפְן זִיךְ אוֹיסְגֶעבְּן; מוֹהֲרָא״ש זָאגְט: ״ווִי מֶער מֶען לָאזְט קִינְדֶער זִיךְ אוֹיסְגֶעבְּן יוּנְגֶערְהֵייט אִיז דָאס גֶעזוּנְט פַּאר זֵיי״; אַלֶע קִינְדֶער וָואס קוּמֶען אַהֵיים פוּן חֵדֶר דַארְפְן זִיךְ אוֹיסְלוּפְטֶערְן, נָאכְן זִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען קוּמְט אַז זֵיי זָאלְן לוֹיפְן אוּן קְרִיכְן, טַאנְצְן אוּן שְׁפְּרִינְגֶען, זֵיי מֶעגְן זִיךְ אוֹיסְגֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּארְ'ן מִיר גֶעבְּן צֶען מָאל שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם זוֹכֶה גֶעוֶוען הַיינְט צוּ מַאכְן אַ סִיוּם אוֹיף שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, צוּם צֶענְטְן מָאל אִין לֶעבְּן.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַּאר אַלֶעס

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י״ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוּיל אִיז דִיר אוּן וואוּיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ לֶערְנְסְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דוּ לֶערְנְסְט שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה אוֹיפְ׳ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימּוּד פוּן רֶבִּי׳ן (כַּמְּבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו) וָואס הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט מִיר זָאלְן לֶערְנֶען אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, יֶעצְט הָאסְטוּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן דִי צֶענְטֶע מָאל מִשְׁנַיוֹת.

מִשְׁנַיוֹת בְּרֶענְגְט צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת; דֶער הֵיילִיגֶער בֵּית יוֹסֵף זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ מַגִּיד פוּן הִימְל, דֶער מַגִּיד פְּלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג קוּמֶען לֶערְנֶען מִיט אִים אוּן אִים זָאגְן מוּסָר וְכוּ׳ - אַלֶעס בִּזְכוּת מִשְׁנַיוֹת; יֶעדֶעס מָאל וָואס דֶער הֵיילִיגֶער בֵּית יוֹסֵף הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת הָאט זִיךְ דֶער מַגִּיד צוּ אִים בַּאוִויזְן.

שְׁטַארְק זִיךְ, זַיי מַמְשִׁיךְ צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת; קוּק נִישְׁט אוֹיף דֶעם אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִישְׁט וָואס דוּ לֶערְנְסְט. דֶער הֵיילִיגֶער טְשֶׁערְנָאבְּלֶער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (לִיקוּטֵי תּוֹרָה טְשֶׁערְנָאבִּיל, הַדְרָכָה ו): ״תֹּאמַר חַ״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת״, מֶען זָאל זָאגְן אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, ״בְּלִי פֵּירוּשׁ״, אָן פַארְשְׁטֵיין, ״בְּכָל יוֹם״, יֶעדְן טָאג, ״כְּדֵי שֶׁתִּגְמוֹר בְּכָל הַחוֹדֶשׁ כָּל הַשִּׁשָּׁה סְדָרִים״, אַזוֹי וֶועט מֶען דָאס עֶנְדִיגְן יֶעדְן חוֹדֶשׁ, ״כֵּן תִּנְהַג כָּל יְמֵי חַיֶּיךָ״, אַזוֹי זָאל מֶען זִיךְ פִירְן אַ גַאנְץ לֶעבְּן.

וֶוער נִישְׁט צֶעפַּאלְן פוּן לֵצִים, קוּק נִישְׁט אוֹיף קֵיינֶעם; קוּק נָאר אוֹיף זִיךְ. עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וָואס דִי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת וֶועלְן דִיר צוּנִיץ קוּמֶען, וֶוען מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט דֶעמָאלְט נוּצְט גָארְנִישְׁט נָאר דִי פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת - דָאס וֶועט דִיר הִיטְן פוּן חִבּוּט הַקֶּבֶר אוּן פוּן גֵיהִנּוֹם.

דֶער הֵיילִיגֶער חִידָ״א זָאגְט (עַיֵּין מוֹרֶה בְּאֶצְבַּע סִימָן ב, אוֹת מב): ״אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב יוֹשֵׁב עַל פִּתְחוֹ שֶׁל גֵיהִנּוֹם״, אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב זִיצְט בַּיים טִיר פוּן גֵיהִנּוֹם, ״וּמִי שֶׁהִרְבָּה לִלְמוֹד מִשְׁנַיוֹת אֵינוֹ מַנִּיחוֹ לְהִכָּנֵס שָׁם״, וֶוער עֶס הָאט גֶעלֶערְנְט

מִשְׁנַיוֹת לָאזְט עֶר נִישְׁט אַרַיין אִין גֵיהִנוֹם; דֶער חִידָ"א טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מט, כ): "מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ", 'שְׁמֵנָה' אִיז דִי אוֹתִיוֹת 'מִשְׁנָה', אָשֵׁר בֶּן יַעֲקֹב - זַיין זַאךְ אִיז מִשְׁנַיוֹת, "וְהוּא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי מֶלֶךְ", וֶוער עֶס לֶערְנְט מִשְׁנַיוֹת וֶועט עֶר אִים גֶעבְּן גַּן עֵדֶן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי אַזוֹי בַּארוּאִיגְט מֶען דִי נֶערְוֶועז?

### שְׁאֵלָה:

אִיךְ נֶעם מֶעדֶעצִין וַוייל אִיךְ לַייד אוֹיפְ'ן נֶפֶשׁ, אַפָּאר וָואכְן צוּרִיק הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מַאכְן שְׁטַארְק הִתְבּוֹדְדוּת אוֹיף דֶעם אוּן אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען דֶערְפוּן זֵייעֶר אַ גוּטֶע גֶעפִיל וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט פַאר יָארְן לַאנְג, פִיל מֶער פוּן אַלֶע מַיינֶע מֶעדֶעצִינֶען.

דִי לֶעצְטֶע צְוֵויי וָואכְן בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אַבִּיסְל שְׁוַואכֶער מִיט דִי הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן צוּרִיק מֶער דֶעפְּרֶעסְט, נֶעכְטְן בַּייַנאכְט אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים פוּן שׁוּל הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, אוּן הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע גוּטֶע גֶעפִיל.

יְיַשֵׁר כֹּחַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיף דִי שִׁיעוּרִים וָואס גֶעבְּן מִיר אָטֶעם אוּן יְיַשֵׁר כֹּחַ אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה בְּרֶענְגְט מִיר צוּ עוֹלָם הַזֶּה אוּן צוּ עוֹלָם הַבָּא.

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַלֶע נֶערְוְון קוּמְט פוּן חִסָּרוֹן אֱמוּנָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן ה): "הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה, וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְחַפֵּשׂ אֶת עַצְמוֹ, וּלְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה", דֶער עִיקָר אוֹיף וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרְבֶּעטְן צוּצוּקוּמֶען - אִיז אֱמוּנָה, "כִּי יֵשׁ סוֹבְלֵי חֳלָאִים, שֶׁיֵּשׁ לָהֶם מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת,

וְהֵם סוֹבְלִים הֶחֳלָאִים רַק בִּשְׁבִיל נְפִילַת הָאֱמוּנָה״, ווייל עֶס זֶענֶען דָא זֵייעֶר אַסַאךְ מֶענְטְשֶׁן וָואס לַיידְן מַחְלוֹת בְּלוֹיז ווייל זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה; דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף יִסּוּרֵי הַנֶּפֶשׁ וָואס מֶענְטְשְׁן לַיידְן נֶעבֶּעךְ. זָאגְט דֶער רֶבִּי ווייטֶער: ״כִּי עַל יְדֵי נְפִילַת הָאֱמוּנָה, בָּאִים מַכּוֹת מֻפְלָאוֹת שֶׁאֵין מוֹעִיל לָהֶם - לֹא רְפוּאוֹת, וְלֹא תְּפִלָּה, וְלֹא זְכוּת אָבוֹת״, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה אוּן עֶר לַיידְט נֶעבֶּעךְ פוּן דִי מַחְלוֹת וָואס קוּמְט פוּן חִסָּרוֹן אֱמוּנָה, דֶעמָאלְט הֶעלְפְט אִים נִישְׁט קַיין רְפוּאוֹת, עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּפִלָּה אוּן אוֹיךְ נִישְׁט זְכוּת אָבוֹת. דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי יִסּוּרִים וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן נֶעבֶּעךְ מִיט פוּן אַלֶע סָארְט יִסּוּרֵי הַנֶּפֶשׁ; עֶס פַּיינִיגְט זֵיי פוּן אִינֶעוֵוייניג - יֶעדֶער מִיט זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אוּן דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע רְפוּאָה אוֹיף דֶעם אִיז אֱמוּנָה.

אִיךְ הָאבּ פֶּערְזֶענְלִיךְ מִיטְגֶעהַאלְטְן אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת וְוִי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעקְרָאכְן פוּן דִי אַלֶע זַאכְן, עַד כְּדֵי כָּךְ זֵיי זֶענֶען אַרָאפּ פוּן מֶעדֶעצִין - דוּרְכְדֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצָה זֵייעֶר עֶרְנְסְט, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אִין דִי צְוֵויי נְקוּדוֹת, אֵיינְס אִין הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה, זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; צְוֵוייטְנְס, זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען עֶרְנְסְט דֶעם סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו), זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא - אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט אוּן גֶעזָאגְט בְּלִי הֲבָנָה כְּלָל בִּיז זֵיי זֶענֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶוען מֶעג אַ פְרוֹי גֵיין אוֹיף קִבְרֵי צַדִּיקִים?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אִיבֶּער אַ פְרוֹי אִין סְפֶּעצִיעֶלֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן, אוֹיבּ זִי מֶעג

גֵיין צוּ אַ צִיוּן פוּן אַ צַדִיק?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י״ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן**
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען פִירְט זִיךְ אַז פְרוּיעֶן זָאלְן נִישְׁט גֵיין אִין אַ בֵּית הַחַיִּים; אָבֶּער גֵיין צוּ אַ צִיוּן פוּן אַ צַדִיק אִיז עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ.

מוֹהֲרָא״ש דֶערְצֵיילְט (פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק, אוֹת יט), אֵיידֶער דֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, דוּרְכְאוֹיס דִי אַלֶע חֲדָשִׁים פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי׳ס מַאמֶע - פֵיגָא דִי נְבִיאָה גֵיין צוּם צִיוּן פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; זִי פְלֶעגְט דָארְט וֵויינֶען זֵייעֶר אַסַאךְ, זִי הָאט מִתְפַּלֵל גֶעוֶועןְ אַז דִי קִינְד וָואס זִי וַוארְט זָאל זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, זִי פְלֶעגְט זַיין בַּיים צִיוּן לַאנְגֶע שָׁעוֹת, זִי הָאט דָארְט מְיַחֵד גֶעוֶועןְ יִחוּדִים אוּן זִי הָאט טַאקֶע זוֹכֶה גֶעוֶועןְ צוּ הָאבְּן אַ קִינְד אַ צַדִיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

### וֶוען דִי גְרֶענִיצְן עֶפֶענֶען זִיךְ, וֶועל אִיךְ קוּמֶען רֶעדְן בַּיי אַייךְ אִין יְשִׁיבָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י״ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הָרַב ר׳ ... שְׁלִיטָ״א, רֹאשׁ יְשִׁיבַת קָהְ אֶכְסוֹף**

אִיךְ נֶעם אָן דִי אַיינְלַאדֶענוּנְג צוּ קוּמֶען רֶעדְן בַּיי אַייךְ אִין יְשִׁיבָה; יֶעצְט אִיז נִישְׁטָא קַיין וֶועג וְוי אַזוֹי אִיךְ קֶען קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מֶען לָאזְט נִישְׁט אַרַיינְקוּמֶען צוּלִיב קָארָאנֶע.

אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם בְּלִי נֶדֶר, וֶוען דִי גְרֶענִיץ וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען אוּן אִיךְ וֶועל זַיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶועל אִיךְ קוּמֶען צוּ אַייךְ אִין יְשִׁיבָה רֶעדְן צוּ דִי בָּחוּרִים.

...

### הֶעלְפְן מַאכְן דִי הָאר בַּיי חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י״ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת יוֹאֵל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן גוּטֶע גְרוּסְן פוּנֶעם חֵדֶר; אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ עֶפֶענֶען אַ סְקוּל פַאר מֵיידְלֶעךְ בְּקָרוֹב.

בְּנוֹגֵעַ וָואס אִיר ווִילְט הֶעלְפְן מַאכְן דִי הָאר בַּיי חֲתוּנוֹת אִין יְשִׁיבָה; בִּיטֶע זִיךְ פַּארְבִּינְדְן מִיט אוּנְזֶער מְנַהֶלֶת, זִי טֵיילְט אַיין דִי אַרְבֶּעט בַּיי דִי

עֶזְרַת נָשִׁים.

...

## אַיינְקַאסִירְן אַ נְדָבָה פַאר׳ן בִּנְיָן אִין אוּמַאן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י״ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן אַ שְׁטִיקְל טוֹבָה, הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז עֶר גֵייט גֶעבְּן פוּפְצִיג טוֹיזְנְט דָאלֶער פַארְ׳ן בִּנְיָן אִין אוּמַאן, ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן אוֹיב דוּ קֶענְסְט דָאס אַיינְמָאנֶען פוּן אִים; עֶר וִויל דָאס גֶעבְּן צוּבִּיסְלִיךְ, אָבֶּער אֵיינֶער דַארְף שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם, אִים רוּפְן מִזְמַן לִזְמַן פְרֶעגְן אוֹיב עֶר וִויל גֶעבְּן נָאךְ אַבִּיסְל.

עֶר זָאגְט מִיר אַז אוֹיב מֶען וֶועט אִים כְּסֵדֶר דֶערְמַאנֶען קֶען מֶען הָאבְּן דָאס גֶעלְט בִּיז פֶּסַח.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז רוֹב בִּנְיָן אִיז שׁוֹין פֶערְטִיג אוּן כִּמְעַט אַלֶע חוֹבוֹת זֶענֶען שׁוֹין בַּאצָאלְט.

יְיַשֵׁר כֹּחַ.

...

## שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן אוֹיף דֶעם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י״ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ אַייךְ שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן פָארִיגֶע וָואךְ חִיזוּק אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת, אִיךְ הָאף אִיר הָאט בַּאקוּמֶען דִי בְּרִיוו.

שָׁלוֹם בַּיִת אִיז אַ זַאךְ וָואס מֶען דַארְף אַרְבֶּעטְן אוֹיף דֶעם, שָׁלוֹם בַּיִת אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם יִמַּח שְׁמוֹ זוּכְט אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דִי שָׁלוֹם אִין אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער, בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט אַן אַנְדֶערֶע זַאךְ;

אֵיינֶעם קוּמְט עֶר אַיינְרֶעדְן ׳דַיין מַאן אִיז אַ בַּטְלָן׳, פַּאר אַ צְווֵייטְן זָאגְט עֶר ׳דַיין מַאן אִיז נִישְׁט צוּם זַאךְ׳ אוּן דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ אִיז וֶוען דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם קוּמְט אַיינְרֶעדְן ׳דַיין מַאן אִיז נִישְׁט עֶרְלִיךְ׳.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, נֶעמְט דֶעם בְּרִיוו פַּאר אַייךְ פֶּערְזֶענְלִיךְ, גְלֵייבְּט וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ; אַייעֶר מַאן אִיז חָשׁוּב אוּן טַייעֶר, עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ הָאבּ אִים זֵייעֶר לִיבּ; הֶערְט נִישְׁט אוֹיס דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם.

אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז אִיר וֶועט מִיר מוֹדִיעַ זַיין אַז אִיר הָאט בַּאקוּמֶען דֶעם בְּרִיוו.

...

**הֵייבּ אָן פוּן פְרִישׁ לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ב׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י"ג שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַלֶע רְפוּאוֹת, עֵצוֹת אוּן סְגוּלוֹת - קֶען מֶען בַּאקוּמֶען וֶוען מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים.

נִישְׁט נָאר סְגוּלוֹת, נָאר אַלֶע מַדְרֵיגוֹת לִיגְט בַּיים רֶבִּי׳ן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמט): "שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל תְּשׁוּבָה גָּמוּר עַל יְדֵי לִמּוּד הַסֵּפֶר שֶׁלּוֹ", מֶען קֶען וֶוערְן אַן אֱמֶת׳עֶר בַּעַל תְּשׁוּבָה אַז מֶען לֶערְנְט זַיין סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, "וְאָמַר, שֶׁמִּי שֶׁיֵּשֵׁב וְיַעֲסֹק בִּסְפָרָיו רַק בְּלִי קִנְטוּר וְנִצָּחוֹן, וְיִסְתַּכֵּל בּוֹ בֶּאֱמֶת, אָז בְּוַדַּאי יִהְיוּ נִבְקָעִין אֶצְלוֹ כָּל גִּידֵי קַשְׁיוּת לְבָבוֹ", וְאָמַר בְּזוּ הַלָּשׁוֹן: "סֶע וֶועט אִים אַלֶע אָדֶערְן טְרֶענֶען"; וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר מִיט אַן אֱמֶת וֶועט זִיךְ אִים עֶפֶענֶען אַלֶע פַארְשְׁטָאפְּטֶע אָדֶערְן, עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

מַאךְ זִיךְ אַ פְרִישֶׁע הַתְחָלָה, הֵייבּ אָן לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס סְפָרִים; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תצה): "אִלּוּ הָיִינוּ רוֹאִין אוֹצָר - הָיִינוּ רָצִים בְּוַדַּאי אֵלָיו, וְהָיִינוּ חוֹפְרִים וּמְלַכְלְכִים עַצְמֵנוּ בְּרֶפֶשׁ וָטִיט בִּשְׁבִיל לַחְתֹּר

אַחֲרָיו וּלְמָצְאוֹ", וֶוען איר וָואלְט גֶעטְרָאפְן אַן אוֹצָר וָואלְט אִיר זִיכֶער אַהִין גֶעלָאפְן און גֶעזוּכְט וִוי מֶער מֶען קֶען נֶעמֶען דֶערְפוּן, אִיר וָואלְט נִישְׁט גֶעקוּקְט צִי אִיר וֶוערְט שְׁמוּצִיג, איר וָואלְט אַרַיינְגֶעקְרָאכְן אִין בְּלָאטֶע אַבִּי צוּ נֶעמֶען פוּנֶעם אוֹצָר, "וַהֲלֹא אֲנִי אוֹצָר שֶׁל יִרְאַת שָׁמַיִם, וּמַדּוּעַ לֹא יִהְיוּ לְהוּטִים וְרָצִים אַחֲרַי לְקַבְּלוֹ", אִיךְ בִּין דָאךְ אַן אוֹצָר פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, פַארְוָואס לוֹיפְט אִיר מִיךְ נִישְׁט נָאךְ צוּ נֶעמֶען פוּן מַיין אוֹצָר?!

קְרִיג זִיךְ נִישְׁט אִין שְׁטוּב, גֶעב נָאךְ; מֶען וֶוערְט נִישְׁט קְלֶענֶער אַז מֶען גֶעבְּט נָאךְ און מֶען פַארְלִירְט נִישְׁט וֶוען מֶען אִיז מְוַתֵּר; דֶער וָואס גֶעבְּט נָאךְ - דֶער אִיז דֶער מְנַצֵּחַ.

...

## אַ סְגוּלָה פַאר פַּרְנָסָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י"ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרַט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעם שׁוֹין אַ חוּמָשׁ און זַיי מַעֲבִיר סֶדְרָה דִי פַּרְשָׁה, דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר פַּרְשַׁת הַמָּן.

דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג ג' בְּשַׁלַּח אִיז מְסוּגָּל פַאר פַּרְנָסָה; עֶס אִיז מְקוּבָּל פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל מְרִימְנוּב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סְגוּלָה צוּ זָאגְן הַיינְט פַּרְשַׁת הַמָּן - שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, פַאר פַּרְנָסָה; וַוייל מֶען חַזֶר'ט דִי אֱמוּנָה אַז פַּרְנָסָה קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פַארְגֶעס נִישְׁט פוּן דִי סְגוּלָה פוּן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כט): "תִּיקּוּן הַכְּלָלִי" אִיז מְסוּגָּל אוֹיף פַּרְנָסָה; וִוי שְׁוֶוער אִיז שׁוֹין צוּ זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ? דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קמא): "צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים אִיז אַ גְרִינְגֶע זַאךְ, אָבֶּער אַז אִיךְ הָאבּ דָאס מְתַקֵּן גֶעוֶוען וֶועט דָאס שׁוֹין זַיין שְׁוֶוער צוּ זָאגְן".

וִוי שְׁוֶוער אִיז שׁוֹין צוּ זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים? אִינְדֶערְפְרִי

לוֹיפְט יֶעדֶער אֵיינֶער זוּכְן פַּרְנָסָה, נִישְׁטָא וואו צוּ לוֹיפְן, לוֹיף טוּן דִי סְגוּלָה, אַ סְגוּלָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן - "תִּיקוּן הַכְּלָלִי"; דָאס בְּרֶענְגְט יְשׁוּעוֹת, רְפוּאוֹת אוּן פַּרְנָסָה, עֶס מֶעקְט אָפּ דִי עֲבֵירוֹת וָואס מֶען הָאט פּוֹגֵם גֶעוֶוען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִין זְכוּת פוּן דִי חֶסֶד, זָאלְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י"ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין בַּאקוּמֶען דַאנְק בְּרִיוְון אוֹיף דֶעם וָואס דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' טוּט אִין שְׁטֶעטְל מִיט דִי קִימְפֶּעטָארִינְס; זִי שְׁטֶעלְט צוּ פֵיינֶע וַוארִימֶע סְעוּדוֹת פַאר אַלֶע קִימְפֶּעטָארִינְס. בִּפְרַט פַאר דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין מִשְׁפָּחָה, זֵיי דַארְפְן נָאךְ מֶער דִי הִילְף פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

אִין דֶעם זְכוּת וָואס אִיר טוּט חֶסֶד מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע בְּרָכוֹת.

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר דַיין וַוייבּ אַז דִי מֵפִיצִים זָאגְן דִי עֶנְגְלִישֶׁע בְּרִיוְון וֶוערְט צוּכַאפְּט צְווִישְׁן דֶעם עוֹלָם.

...

## וֶוען מֶען וֵוייסְט וֶוען וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז, וָואלְט מֶען נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט דֶערְפוּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י"ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ**

הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר דֶערְצֵיילְט מִיר אַז עֶר טְרָאגְט אָן אַ שִׁידוּךְ פַאר אַייעֶר טָאכְטֶער ... תִּחְיֶ'; אִיר ווִילְט דֶעם שִׁידוּךְ, אַייעֶר וַוייבּ וִויל אוֹיךְ זַייעֶר דֶעם שִׁידוּךְ, אָבֶּער אַייעֶר טָאכְטֶער אִיז פַארְהַאנְקֶערְט; זִי ווִיל נִישְׁט, זִי הָאט מוֹרָא

פוּן בְּרֶסְלֶב.

עֶס אִיז אַ שָׁאד אַז אַייעֶר טָאכְטֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז, זִי הָאט מוֹרָא פוּן בְּרֶסְלֶב; וֶוען זִי וָואלְט גֶעווּיסְט וָואס בְּרֶסְלֶב אִיז - וָואלְט דָאס נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין עִכּוּב.

בְּרֶסְלֶב אִיז אַ חֲסִידוּת וָואס מֶען לֵייגְט אַ שְׁטַארְקֶע דָגוּשׁ אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת; נִישְׁטָא נָאךְ אַ חֲסִידוּת וָואס מֶען זָאל אַזוֹי מוּסָרְ'ן דִי אִינְגֶעלַייט מֶען זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אִין שְׁטוּבּ אוֹיף דִי וַוייבּ אַזוֹי וִוי אִין חֲסִידוּת בְּרֶסְלֶב, נִישְׁטָא נָאךְ אַ צַדִיק וָואס זָאל הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן שָׁלוֹם בַּיִת אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי. נֵיתֵי סֵפֶר וְנֶחֱזֶה, לָאמִיר עֶפֶענֶען אַלֶע סְפָרִים פוּן תַּלְמִידֵי בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ, תַּלְמִידֵי הַמַּגִּיד זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ אוּן פוּן רֶבִּינְ'ס צַייטְן; נָאר דֶער רֶבִּי רֶעדְט פוּן שָׁלוֹם בַּיִת.

רֶבִּי נָתָן זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד): "הִזְהִיר לְכַבֵּד וּלְיַקֵר אֶת אִשְׁתּוֹ", דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעוָוארְנְט מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ אוּן אִיר הַאלְטְן טֵייעֶר; מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אָן שָׁלוֹם בַּיִת, דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיצְן בַּיים טִישׁ וַוייל אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן זִיךְ גֶעקְרִיגְט אִין שְׁטוּבּ.

בִּפְרַט אִין חֶדֶר הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז דָאךְ פִּי כַּמָּה; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט אַזוֹיפִיל גֶעשְׁרִיבְּן אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, מֶען גֶעפוּנְט זִיךְ נִישְׁט דָאס פְּלַאץ אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אוֹיבּ מֶען אִיז נִישְׁט מְכַבֵּד דִי וַוייבּ, נִישְׁטָא קַיין אַוֶועקְפָּארְן פוּן שְׁטוּבּ, נִישְׁטָא קַיין אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁטוּבּ אָן דִי וַוייבּ.

אֶפְשָׁר זָאלְט אִיר וַוייזְן דֶעם בְּרִיוו פַאר אַייעֶר טָאכְטֶער, זִי זָאל וִויסְן דָאס חֲשִׁיבוּת פוּן בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים, זִי זָאל וִויסְן דִי מַעֲלוֹת פוּן אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

...

## אַנְשְׁטָאט זִיךְ טַעְנָה'ן, זָאלְט אִיר אַרַיינְכַאפְּן נָאךְ אַ מִשְׁנָה, נָאךְ אַ בְּלַאט גְמָרָא

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י"ג שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד דִי טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן בְּנֵי בְּרַק, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ.

חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט אִיז דִי יוֹם הֻלֶּדֶת פוּן רֶבִּי נָתָן; אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְּלֶעגְן זִיךְ צַאמְקוּמֶען מִיט רֶבִּי נָתָן מַאכְן אַ סְעוּדָה, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי מַתָּנָה אַז מִיר הָאבְּן אַזַא תַּלְמִיד ווִי רֶבִּי נָתָן.

בְּדֶרֶךְ כְּלָל מַאכְט מֶען נִישְׁט קַיין עֵסֶק בַּיי אִידְן פוּן אַ יוֹם הֻלֶּדֶת, דָאס אִיז וַוייל מֶען ווֵייסְט נִישְׁט וָואס וֶועט זַיין מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר חָרוּב מַאכְן דִי וֶועלְט, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר שֶׁעדִיגְן דִי וֶועלְט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שְׁמוֹת רַבָּה מח, א) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (קֹהֶלֶת ז, א): "טוֹב שֵׁם מִשֶּׁמֶן טוֹב", אַ גוּטֶע נָאמֶען גֵייט וַוייטֶער ווִי גוּטֶע בְּשָׂמִים, "וְיוֹם הַמָּוֶת מִיּוֹם הִוָּלְדוֹ", אוּן דֶער טָאג וָואס מֶען שְׁטַארְבְּט אִיז בֶּעסֶער פוּנֶעם טָאג וָואס מֶען וֶוערְט גֶעבּוֹירְן; זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אַ מָשָׁל, וֶוען אַ שִׁיף פָּארְט אַרוֹיס פוּנֶעם פָּארְט אָנְגֶעפִילְט מִיט סְחוֹרָה, דֶעמָאלְט פַּייפְט מֶען נִישְׁט מִיט טְרָאמְפֵּייטֶערְס, וַוייל מֶען ווֵייסְט נִישְׁט צִי דֶער שִׁיף וֶועט אָנְקוּמֶען אָדֶער נִישְׁט, אָבֶּער וֶוען מֶען זֶעט אַז דֶער שִׁיף קוּמְט אָן בְּשָׁלוֹם צוּם פָּארְט, דֶעמָאלְט קוּמְט מֶען מִיט טְרָאמְפֵּייטֶערְס, מֶען שַׁאלְט אוּן מֶען פְרֵיידְט זִיךְ מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה.

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבּוֹירְן, מֶען ווֵייסְט נָאכְנִישְׁט וָואס וֶועט זַיין מִיט אִים, צִי עֶר וֶועט צוּגֶעבְּן צוּ דִי וֶועלְט אָדֶער פַארְקֶערְט, דֶערְפַאר מַאכְט מֶען נִישְׁט קַיין 'יוֹם הֻלֶּדֶת', מַה שֶּׁאֵין כֵּן בַּיי אַ יָארְצַייט, מַאכְט מֶען אַן עֵסֶק אוּן מֶען מַאכְט אַ יָארְצַייט סְעוּדָה, אָבֶּער אַ צַדִיק וָואס מַאכְט לִיכְטִיג דִי וֶועלְט - דַאנְקְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם טָאג וָואס דֶער צַדִיק אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט.

אִיר זֶענְט אַלֶע פְרִישֶׁע מְקוֹרָבִים, בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, גֶעבְּט אַכְטוּנְג מֶען זָאל אַייךְ נִישְׁט פַארְפִירְן; אִיךְ ווִיל אִיר זָאלְט ווִיסְן וָואס אִיז בַּיים רֶבִּי'ן

דֶער עִיקָר.

דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט פַאר זַיין אֵיידֶעם (מִכְתְּבֵי רַבֵּינוּ ז"ל בִּתְחִלַּת סֵפֶר עָלִים לִתְרוּפָה, מִכְתָּב ב): "בִּקַּשְׁתִּי מֵאֲהוּבִי חֲתָנִי", אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין לִיבֶּער אֵיידֶעם, "שֶׁתִּלְמוֹד בְּכָל יוֹם שִׁיעוּר גְּמָרָא וּפוֹסֵק", זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג גְּמָרָא אוּן הֲלָכָה, "שֶׁלֹּא תַעֲשֶׂה חַס וְשָׁלוֹם מְטָפֵל עִקָּר", מַאךְ נִישְׁט פוּן נִישְׁט וִויכְטִיגֶע זַאכְן אַן עִיקָר, "רַק אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא", הָאבּ מוֹרָא פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "כִּי זֶה כָּל הָאָדָם", פַאר דֶעם זֶענֶען מִיר בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן; פוּן דִי קְלֵיינֶע בְּרִיוו וָואס דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט פַאר זַיין אֵיידֶעם רֶבִּי יוֹסְקָא, זֶעט מֶען וָואס דֶער רֶבִּי ווִיל פוּן אוּנְז; נָאר תּוֹרָה, תְּפִלָּה וְיִרְאַת שָׁמַיִם, דֶער רֶבִּי ווִיל מִיר זָאלְן לֶערְנֶען, מִיר זָאלְן הָאבְּן שִׁיעוּרִים בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ.

אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אִין אַלֶע דוֹרוֹת, בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט אַ גְרוֹיסֶע הַתְמָדָה; וֶוען מֶען לֶערְנְט אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו) דֶעמָאלְט לֶערְנְט מֶען אָן אַ שִׁיעוּר, מֶען הָאט אַלְץ גֶעוְוּיסְט אַז דִי וָואס לֶערְנֶען אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא - זֶענֶען בְּרֶסְלֶבְ'עֶ. רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט אִין אַ בְּרִיוו (עָלִים לִתְרוּפָה, מִכְתָּב קעד): "גַּם פֹּה נִמְצָא מִתְנַגֵּד אֶחָד", עֶס גֶעפִינְט זִיךְ דָא אַ מִתְנַגֵּד, "שֶׁבְּנוֹ הִתְחִיל קְצָת לְהִתְקָרֵב לְאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ, וְלָמַד הַרְבֵּה גְּמָרָא וּפוֹסְקִים", וָואס זַיין זוּן אִיז מְקוּרָב צוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ לֶערְנֶען פְלַייסִיג, "וְעַתָּה, מַכְרִיחִים אוֹתוֹ אַנְשֵׁי בְּלִיַּעַל, הַמְכַנִּים עַצְמָם בְּשֵׁם חֲסִידִים, וּמוֹנְעִים אוֹתוֹ בְּעַל כָּרְחוֹ מִלִּלְמֹד גְּמָרָא וּפוֹסְקִים, וְאוֹמְרִים שֶׁטּוֹב יוֹתֵר לְדַבֵּר עִמָּהֶם", דִי מִתְנַגְּדִים רֶעדְן אִים אָפּ פוּן לֶערְנֶען גְמָרָא וּפוֹסְקִים, זֵיי זָאגְן אִים אַז עֶר זָאל עֶנְדֶערְשׁ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זֵיי ווִי צוּ לֶערְנֶען, "וְאָבִיו צָעַק עַל בְּנוֹ הַנַּ"ל, אֲנִי נוֹתֵן לְךָ לֶאֱכֹל עַל מְנָת שֶׁלֹּא תִּלְמַד רַק דַּף גְּמָרָא אֶחָד בְּכָל יוֹם, לֹא יוֹתֵר! כִּי מִי שֶׁלּוֹמֵד כָּל הַיּוֹם הוּא בְּרֶסְלְבֶר וְכוּ'", זַיין טַאטֶע שְׁרֵייט אוֹיף אִים עֶר זָאל אוֹיפְהֶערְן צוּ לֶערְנֶען אַזוֹי סַאךְ, ווַייל וֶוער עֶס לֶערְנְט אַסַאךְ אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר, אוּן דֶער טַאטֶע זָאגְט אִים אַז עֶר גֵייט אִים אוֹיפְהֶערְן גֶעבְּן עֶסְן אוֹיבּ לֶערְנְט עֶר מֶער ווִי אֵיין דַף גְמָרָא; זָאגְט רֶבִּי נָתָן אַ מוֹרָא'דִיגֶער לָשׁוֹן: "הַכְּלָל, שֶׁאֵין הַמִּתְנַגְּדִים עוֹמְדִים לִמְנֹעַ מִלִּלְמֹד סִפְרֵי רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, רַק פְּנִימִיּוּת כַּוָּנַת הָרַע

שֶׁבְּלִבָּם הוּא לְבַטֵּל מִיִּשְׂרָאֵל כָּל הַתּוֹרָה כֻּלָּהּ, כִּי יָדוּעַ לָכֶם מַעֲשֵׂי בְּנֵי הַנְּעוּרִים, בִּפְרָט בַּדּוֹר הַזֶּה, וְאֵין שׁוּם הַצָּלָה כִּי אִם עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, וְאֵין מִי שֶׁיַּכְנִיס לִמּוּד הַתּוֹרָה וְקִיּוּם הַתּוֹרָה בָּעוֹלָם כְּמוֹ אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עַל יְדֵי אֲמִתַּת דְּרָכָיו הַקְּדוֹשִׁים שֶׁגִּלָּה עַל יָדֵינוּ, וּבִסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים", דִי מִתְנַגְּדִים ווילְן נִישְׁט אַז מֶען זָאל נִישְׁט לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, זֵיי ווילְן אויסְרַייסְן דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה; וַוייל עֶס אִיז אַייךְ בַּאווּיסְט דִי מַעֲשֵׂי בְּנֵי הַנְּעוּרִים פוּנֶעם דוֹר, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם וֶועג זֵיי צוּ רַאטֶעוֶוען נָאר דוּרְךְ לִימּוּד הַתּוֹרָה, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא וֶוער עֶס זָאל אַריינְבְּרֶענְגֶען לִימּוּד הַתּוֹרָה נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי.

וֶוער עֶס פָּאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן לֶערְנְט אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימּוּד וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, אִיז זוֹכֶה בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט צוּ עֶנְדִיגְן כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "נִכְסַפְתִּי מְאֹד לְהַמְשִׁיךְ אֶת הָעוֹלָם אֶל עֲשִׂיָּה, שֶׁיִּהְיֶה חִיּוּב אֵצֶל כָּל אֶחָד וְאֶחָד לִלְמוֹד כָּךְ וְכָךְ, בְּכָל יוֹם וְלֹא יַעֲבֹר, וְכַיּוֹצֵא", דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַריינְבְּרֶענְגֶען אִין מֶענְטְשְׁן אַז מֶען זָאל לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם): "שֶׁאֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדוּשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם, אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כַּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם; וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חוֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמוֹד בְּכָל יוֹם וְיוֹם כַּךְ וְכַךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ', וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן דִי תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי שִׂיחָה הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן צִי עֶס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיף אֵיינֶעם וָואס אִיז אַריינְגֶעפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים אוּן גֶעזָאגְט: "דוּ וֵוייסְט ווִי גְרוֹיס דֶער כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז?! תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן

אַלֶעס (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג)"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מֶען זָאל לֶערְנֶען, וַוייל תּוֹרָה אִיז דִי עֵצָה אַז מֶען זָאל וֶוערְן נָאנְט צוּם אייבֶּערְשְׁטְן.

לֵיידֶער אִין בְּרֶסְלֶב אַלֵיינְס מַאכְט מֶען חוֹזֶק פוּנֶעם סֶדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד; מֶען רֶעדְט פוּן טָפֵל זַאכְן, מֶען דֶערְצֵיילְט שִׂיחוֹת פוּן זְקֵנִים וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז דֶער שִׂיחָה אֵיינֶע פוּן דִי עִקָּרִים אִין בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ חֲסִידוּת.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, טַעְנָה'ט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם; אַנְשְׁטָאט טַעְנָה'ן זָאלְט אִיר אַרַיינְכַאפְּן נָאךְ אַ מִשְׁנָה, נָאךְ אַ בְּלַאט גְמָרָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן אִיר זָאלְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע אַייעֶרֶע וֶועגְן.

...

## אַ קִינְד וָואס לֶערְנְט עִבְרִי טָאר נִישְׁט פַארְפֶעלְן אַ טָאג אִין קְלַאס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י"ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָל טוֹב פַאר דַיין אִינְגְל! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְּן עֶר זָאל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דוּ הָאסְט צֶעטֵיילְט דַיינֶע קִינְדֶער, דַיין טָאכְטֶער אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אִין סְקוּל פַאר צְוֵויי וָואכְן, זִי אִיז יֶעצְט צוּרִיקְגֶעקוּמֶען; דִי טִיטְשֶׁער זָאגְט אַז זִי הָאט פַארְפֶעלְט פוּן לֵיינֶען, זִי וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

אַז עֶס פַּאסִירְט אַזוֹינְס, מֶען דַארְף צֶעטֵיילְן דִי קִינְדֶער, דַארְף מֶען אִין אַכְט נֶעמֶען אַז דִי קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען לֵיינֶען זָאלְן טְרֶעפְן וואו צוּ זַיין אִין דִי שְׁטָאט וואוּ זֵיי לֶערְנֶען כְּדֵי זֵיי זָאלְן גָארְנִישְׁט פַארְפֶעלְן; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חָכְמָה צוּ טְרָאגְן קִינְדֶער פוּן שְׁטָאט צוּם שְׁטֶעטְל אוּן פוּן שְׁטֶעטְל צוּם שְׁטָאט - וֶוען זֵיי לֶערְנֶען עִבְרִי.

יֶעצְט זָאלְסְטוּ זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיט דִי סְקוּל; זַיי מַשְׁלִים וָואס זִי הָאט

פַארְפֶעלְט כְּדֵי זֵי זָאל קֶענֶען וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי עִבְרִי.

...

## נֶעם אִינְגֶעלַייט פוּן כּוֹלֵל זָאלְן הֶעלְפְן בּוֹדֵק זַיין דֶעם עֵירוּב

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י"ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן בּוֹדֵק זַיין דֶעם עֵירוּב וֶועכְנְטְלִיךְ מִיט אַזַא אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקַייט.

זֶע צוּ נֶעמֶען אִינְגֶעלַייט פוּן כּוֹלֵל זָאלְן הֶעלְפְן בּוֹדֵק זַיין דֶעם עֵירוּב; לֶערְן זֵיי אוֹיס דִי הֲלָכוֹת, זֵיי זָאלְן וִויסְן וָואס צוּ קוּקְן אוּן אַלֶע פַּאטֶעטְנְטְן וִוי אַזוֹי דֶער עֵירוּב אִיז גֶעמַאכְט וְכוּ'.

אִיךְ הָאף אַז אַלֶעס אִיז אִין בֶּעסְטְן אָרְדֶענוּנְג אִין חֶדֶר, אַלֶע קִינְדֶער קֶענֶען דִי א-ב, קֵיינֶער פַאלְט נִישְׁט אַרוֹיס.

כִּתָּה א' אִיז דִי וִויכְטִיגְסְטֶע יָאר פוּן אַלֶע יָארְן; גֶעבּ אַכְטוּנְג אַז אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן קֶענֶען לֵיינֶען וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

...

## מַאכְן אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה אִין שְׁטוּבּ אוּם חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י"ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ' אַז מָארְגְן קֶען מֶען נִישְׁט מַאכְן אַ פְּרוֹיעֶן צַאמְקוּם, מָארְגְן נַאכְט אִיז חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט - וֶועלְן אַלֶע דַארְפְן בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ מַאכְן אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה פַאר דִי מִשְׁפָּחָה; טַאטֶע מַאמֶע מִיט דִי קִינְדֶער זִיצְן אִינְאֵיינֶעם, מֶען עֶסְט אַלֶע סָארְט פְרוּכְט, דִי שִׁבְעַת הַמִּינִים אוּן נָאךְ, מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן הָאבְּן מַצּוֹת אוֹיף פֶּסַח אוּן ד' מִינִים אוֹיף סוּכּוֹת.

אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט מֶען פַאר דִי קִינְדֶער אַז דִי אִידְן זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי פְּרוּכְט, מֶען שְׁמוּעֶסְט אִינְאֵיינֶעם, מֶען אִיז זִיךְ מְחַזֵּק מִיט דִי מִשְׁפָּחָה.

גֶעבּ אִיר אִיבֶּער אַז אִיךְ זוּךְ זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְצוּדְרֵייעֶן, אָבֶּער מָארְגְן חֲמִשָּׁה עָשָׂר אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ.

דֶעם מוֹצָאֵי שַׁבָּת בְּשַׁלַּח וֶועט זַיין דִי יָארְצַייט סְעוּדָה פוּן מוֹהֲרָא"ש זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, דִי וַוייבֶּער שׁוּל וֶועט זַיין אָפְן.

...

## חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט זִיץ אוּן פַארְבְּרֶענְג מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י"ד שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַיינְט נַאכְט אִיז חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט (סֵפֶר ט"ו בִּשְׁבָט): "וְנוֹהֲגִים לְהִתְאַסֵּף בְּבַיִת כָּל הַמִּשְׁפָּחָה", מֶען פִירְט זִיךְ צַאמְצוּנֶעמֶען דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, "לֶאֱכֹל בְּצַוְתָּא אֶת כָּל מִינֵי פֵּירוֹת", מֶען עֶסְט אִינְאֵיינֶעם אַלֶע סָארְט פְּרוּכְט, "וּמַרְבִּים לְסַפֵּר לִבְנֵי הַבַּיִת וְלַיְלָדִים וּלְכָל הַמִּשְׁפָּחָה מִנִּפְלְאוֹתָיו יִתְבָּרַךְ", מֶען דֶערְצֵיילְט פַאר דִי מִשְׁפָּחָה דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אֵיךְ שֶׁבָּרָא כָּל פְּרִי וּפְרִי לֵהָנוֹת בּוֹ בְּנֵי אָדָם", דִי וואוּנְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי אַזוֹי עֶר מַאכְט וַואקְסְן אַלֶע פְּרוּכְט, "וּמְדַבְּרִים דִּבְרֵי תּוֹרָה, וְסִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת הַשַּׁיָּכִים לַחֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט", מֶען רֶעדְט דִּבְרֵי תּוֹרָה אוּן מֶען דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיּוֹת, "וְהוּא עִנְיָן גָּדוֹל מְאֹד לְחִנּוּךְ הַיְלָדִים", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אוּן אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ פַאר דִי קִינְדֶער.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט אָנְגְרֵייטְן פֵיינֶע פְּרוּכְט; זִיץ אִין שְׁטוּבּ מִיט דַיינֶע קִינְדֶער, רֶעד צוּ זֵיי פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יֶעדֶע פְּרוּכְט הָאט אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אוּנְז; עֶס אִיז טַאקֶע נִישְׁט גְרִינְג צוּ זִיצְן מִיט קִינְדֶער אוּן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זֵיי, אָבֶּער עֶס צָאלְט זִיךְ אוֹיס.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ וֶוען מֶען עֶסְט טַייטְלֶען בֶּעט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיף דִיר, אִיךְ זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין דַאֲגוֹת**", דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידוֹת, אוֹת עַצְבוּת, סִימָן לה): "תְּמָרִים מְבַטְּלִין דְּאָגָה", טַייטְלֶען נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע דַאֲגוֹת; מוֹהַרָא"שׁ גֶעבְּט אוּנְז דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין, אַז חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוּכָּה מה:): "מַה תָּמָר אֵין לוֹ אֶלָּא לֵב אֶחָד, אַף יִשְׂרָאֵל אֵין לָהֶם אֶלָּא לֵב אֶחָד לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם", דֶער טַייטְלְבּוֹים הָאט נָאר אֵיין הַארְץ, אַזוֹי אוֹיךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער קוּקְן מִיט'ן גַאנְצְן הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס אִיז דִי זִיסְקֵייט פוּן דִי טֵייטְלֶען, אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט נִישְׁט קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר וֵוייסְט קְלָאר אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט מִיט אִים הָאט אַ פּוּנְקְטְלִיכֶער חֶשְׁבּוֹן - אִיז אִים זִיס.

וֶוען דוּ עֶסְט דֶעם מִילְגְרוֹים זָאלְסְטוּ זַיי דֶערְצֵיילְן וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת נז.): "אֲפִילּוּ רֵיקָנִין שֶׁבְּךָ", אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נֶעבְּעךְ אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, "מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן", זֶענֶען אָנְגֶעפִילְט מִיט מִצְוֹת וִוי אַ רִמּוֹן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שִׁיר הַשִּׁירִים ד, ג): "כְּפֶלַח הָרִמּוֹן רַקָּתֵךְ", אַזוֹי וִוי דִי קֶערְלֶעךְ פוּן אַ מִילְגְרוֹים - זֶענֶען דִי אִידְן; גֶעבּ זַיי צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז אַ מִילְגְרוֹים הָאט זֶעקְס הוּנְדֶערְט אוּן דְרַייצְן קֶערְלֶעךְ, דֶער צָאל וִויפִיל מִצְוֹת מִיר הָאבְּן.

אִיךְ קֶען נִישְׁט מַאֲרִיךְ זַיין, אִיךְ דַארְף אַרַיינְגֵיין צוּ דִי בָּחוּרִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ גֶעבְּן בְּחִינָם דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י"ד שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן **לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ גֶעבְּן סְפָרִים בְּחִנָּם פַאר מְפִיצִים, עֶס אִיז דָא אַ נַדְבָן וָואס הָאט

מְנַדֵב גֶעוֶוען סְפָרִים; נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ גֶעבְּן בְּחִנָּם דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים – אֲפִילוּ פַאר מֵפִיצִים, אוֹיבּ הָאסְטוּ אַ נַדְבָן קֶענְסְטוּ גֶעבְּן דִי סְפָרִים פַאר גָאר בִּילִיג. אָדֶער קֶענְסְטוּ מַאכְן אַנְדֶערְשׁ, קֶענְסְט מַאכְן אַז אוֹיבּ דֶער מֵפִיץ קוֹיפְט כַּךְ וְכַךְ גִלְיוֹנוֹת אוּן קוּנְטְרֵסִים בַּאקוּמְט עֶר כַּךְ וְכַךְ סְפָרִים בְּחִנָּם.

אַז דוּ וֶועסְט גֶעבְּן בְּחִנָּם קֶען פַּאסִירְן אַז אַ פְרִישֶׁער מְקוֹרָב וֶועט כַאפְּן אַ בְּרֶען צוּ גֵיין הֲפָצָה, עֶר וֶועט אַהֵיים נֶעמֶען אַ בַּאקְס סְפָרִים אוּן דָארְט וֶועט זִיךְ עֶנְדִיגְן דִי מַעֲשֶׂה.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר פוּן וָואס מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אִין דִי פַארְגַאנְגֶענְהֵייט; וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דֶעם בֵּית הַדְפוּס אִין יְשִׁיבָה הָאבְּן מִיר גֶעטֵיילְט סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים בְּחִנָּם, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען ווִי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וֶוערְן נִתְעוֹרֵר פַאר הֲפָצָה, זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען זֶעק סְפָרִים אוּן דָארְט הָאט זִיךְ עֶס גֶעעֶנְדִיגְט.

...

## גֵיין לֵיידִיג בְּרֶענְגְט מֶען זָאל וֶוערְן דֶעפְּרֶעסְט אוּן צוּ נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י״ד שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳

מַזָּל טוֹב פַאר אַייעֶר חֲתוּנָה; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ מִיט לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג אִיר זָאלְט נִישְׁט גֵיין לֵיידִיג; גֵיין לֵיידִיג בְּרֶענְגְט מֶען זָאל וֶוערְן דֶעפְּרֶעסְט אוּן צוּ נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן. זֶעט אָנְצוּפִילְן אַייעֶר טָאג, זוּכְט אַן אַרְבֶּעט; אַבִּי נִישְׁט גֵיין לֵיידִיג.

פַאר אִיר הֵייבְּט אָן אַרְבֶּעטְן זָאלְט אִיר פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס אִיז גוּט פַאר אַייךְ.

אַייעֶר רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אַייעֶר שַׁדְכָן.

...

## חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט אִיז אַ טָאג וָואס אִיז מְסוּגָל זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הַיינְט אִיז אַ טָאג זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן, אַלֶע בֵּיימֶער הֵייבְּן אָן פוּן פְרִישׁ זִיךְ בַּאנֵייעֶן; דוּ קֶענְסְט נָאךְ אָנְהֵייבְּן פוּן פְּרִישׁ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, גֶעבּ נִישְׁט אוֹיף, זָאג נִישְׁט ׳אִיךְ בִּין שׁוֹין דֶערְנָאךְ׳, ׳אִיךְ בִּין שׁוֹין פַארְפַאלְן׳, ׳פוּן מִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין׳; קוּק אָן דִי בֵּיימֶער, עֶס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי אַ שְׁוֶוערֶע ווִינְטֶער, שְׁנֵיי, רֶעגְן, הָאגְל, אַייז, ווִינְטְן אוּן וָואס נִישְׁט, עֶס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי טוֹיטֶע חֳדָשִׁים, דָאךְ הֵייבְּן זֵיי אָן פוּן פְּרִישׁ אַרוֹיסְגֶעבְּן גוּטֶע פֵּירוֹת; זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיךְ בַּאנֵייעֶן, אָנְהֵייבְּן פוּן פְּרִישׁ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען, ״כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה (דְּבָרִים כ, יט)״, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּם בּוֹים.

דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ טַאנְץ אַרַיין אִין מִקְוֶה! אַ בּוֹים קֶען נִישְׁט וַואקְסְן נָאר מִיט ווַאסֶער, אַזוֹי אוֹיךְ מוּזְן מִיר זִיךְ טוֹבֵלְ׳ן אִין וַואסֶער צוּ קֶענֶען וַואקְסְן, צוּ קֶענֶען מַצְלִיחַ זַיין. דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים: ״אִיךְ בִּין צוּגֶעקוּמֶען צוּ מַיינֶע מַדְרֵיגוֹת וַוייל אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַסַאךְ גֶע׳טוֹבֵלְ׳ט״; וַוייל ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אִין מִקְוֶה אוּן עֶר טוֹבֵלְ׳ט זִיךְ, אִיז עֶר מַמְשִׁיךְ אוֹיף זִיךְ מֶער טָהֳרָה.

גֵיי אִין שׁוּל; וֶוען בִּיסְטוּ גֶעוֶוען דָאס לֶעצְטֶע מָאל אִין שׁוּל? וֶוען דַיין שְׁוָואגֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ בְּרִית? פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן? חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת טז.): ״מַה נְּחָלִים מַעֲלִין אֶת הָאָדָם מִטֻּמְאָה לְטָהֳרָה״, אַזוֹי ווִי אַ טַייךְ נֶעמְט אַרוֹיס טוּמְאָה, וֶוען אַ טָמֵא׳נֶער מֶענְטְשׁ טוֹבֵלְ׳ט זִיךְ וֶוערְט עֶר רֵיין, ״אַף אֹהָלִים מַעֲלִין אֶת הָאָדָם מִכַּף חוֹבָה לְכַף זְכוּת״, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז אַ שׁוּל, וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט

אִין שׁוּל גֵייעֶן אַוֶועק פוּן אִים אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

אִיךְ ווִיל דִיר שְׁרַייבְּן מֶער, אָבֶּער אִיךְ בִּין יֶעצְט טָרוּד, אִיךְ דַארְף גֵיין אַיינְקוֹיפְן; אִיךְ מַאךְ חֲתוּנָּה מַיין זוּן הָרַב אֶלְחָנָן חַיִּים.

גֶעדֶענְק וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ גֶע'חָלוֹמְ'ט פוּן רֶבִּי'ן, ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט אִים: "דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ".

מוֹצָאֵי שַׁבָּת וֶועט זַיין אַ יָארְצַייט סְעוּדָה אִין יְשִׁיבָה לְכָבוֹד אוּנְזֶער רֶבִּי מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיךְ הָאף דִיר צוּ זֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ שָׁאד אִיר זוּכְט פְרֶעמְדֶע גְלִיק; דִי גְלִיק לִיגְט בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּב

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַ שָׁאד אַז אִיר קוּקְט קְלִיפְּס, אַ שָׁאד אִיר זוּכְט פְרֶעמְדֶע גְלִיק; דִי גְלִיק לִיגְט בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּב.

פַארְוָואס זָאלְט אִיר קוּקְן דִי גֶעמַאכְטֶע פַאלְשֶׁע חֲתוּנָּה קְלִיפְּס ווִי דֶער חָתָן שְׁמֵייכְלְט צוּ דִי כַּלָּה אוּן דִי כַּלָּה צוּם חָתָן? עֶס אִיז עֶקֶלְדִיג, גְרוֹילִיג - וָואס דִי הַיינְטִיגֶע חֲתָנִים אוּן כַּלּוֹת טוּעֶן; נֶעבֶּעךְ אוֹיף דִי וָואס קוּקְן דָאס, זֵיי קֶענֶען נִישְׁט הָאבְּן שְׁלוֹם בַּיִת. נָאכְן קוּקְן דִי עֶקֶלְדִיגֶע חֲתוּנָּה קְלִיפְּס קֶען מֶען נִישְׁט וֶוערְן אֵיינְס מִיטְ'ן מַאן, דִי מֹחַ לוֹיפְט אַלְץ צוּ דִי קְלִיפְּס; מֶען טְרַאכְט פוּן פְרֶעמְדֶע, נָאר נִישְׁט פוּן דִי אֵייגֶענֶע לֶעבְּן.

אִיר הָאט מִיר צוּגֶעזָאגְט אַז אִיר גֵייט אַוֶועקְוַוארְפְן דִי מַלְאָךְ הַמָּוֶת פוּן אַייעֶר הוֹיז, יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז אִיר זֶענְט צוּרִיק גֶעפַאלְן; אַ שָׁאד אַז אִיר פָּאלְגְט נִישְׁט, וָואלְט אִיר גֶעפָאלְגְט - וָואלְט אִיר שׁוֹין לַאנְג גֶעהַאט אֱמֶתְ'עֶ לִיבְּשַׁאפְט מִיט אַייעֶר מַאן, אִיר וָואלְט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי סַאךְ אַרוֹיסְגֶעדְרֵייט

מִיט תֵּירוּצִים וְכוּ' וְכוּ'.

...

## עֶקְסֶערְסַייז פַאר פְרוֹיעֶן דַארְף זַיין בִּצְנִיעוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

הוֹיזְן פַאר פְרוֹיעֶן אִיז פְּרִיצוּת.

אַז אִיר מַאכְט אַ קְלַאס פוּן עֶקְסֶערְסַייז פַאר פְרוֹיעֶן דַארְף דָאס זַיין בִּצְנִיעוּת, מֶען קֶען נִישְׁט אָנְטוּן הוֹיזְן, הוֹיזְן פַאר פְרוֹיעֶן אִיז פְּרִיצוּת; נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶוען דָאס זָאל זַיין, צִי בַּיים שְׁלָאפְן, צִי בַּיים מַאכְן עֶקְסֶערְסַייז, אָדֶער אַנְדֶערֶע זְמַנִּים.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר אִיר זָאלְט פָאלְגְן וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ, אִיךְ וִויל נִישְׁט עֶס זָאל זַיין פְּרִיצוּת אִין שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב וָואס אִיךְ בּוֹי מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ.

אִיר וֶועט הָאבְּן הַצְלָחָה נָאר אַז דָאס וֶועט זַיין אָן פְּרִיצוּת.

...

## קוּק נִישְׁט קַיין חָתָן כַּלָּה בִּילְדֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

קוּק נִישְׁט קַיין חָתָן כַּלָּה בִּילְדֶער, עֶס אִיז עֶקְלְדִיג וִוי אַזוֹי מֶענְטְשְׁן פִירְן זִיךְ; מֶען שִׁיקְט בִּילְדֶער פוּן זִיךְ מִיט דִי כַּלָּה. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַ וַוייבּ זָאלְסְטוּ קוּקְן אוֹיף אִיר, אַז מֶען הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן הָאט מֶען

שָׁלוֹם בַּיִת.

אִיךְ בֶּעט דִיר, קוּק נִישְׁט קַיין חֲתוּנָה קְלִיפְּס פוּן חָתָן כַּלָּה; אַז מֶען קוּקְט דִי קְלִיפְּס הֵייבְּט זִיךְ אָן בּוֹיעֶן אַ דִמְיוֹן אִין מֹחַ: ׳יֶענֶער הָאט אַ בֶּעסֶערֶע לֶעבְּן׳, ׳יֶענֶער הָאט לִיבְּשַׁאפְט׳, עֶס מַאכְט קַאלְיֶע דִי שָׁלוֹם בַּיִת.

אַזוֹי אוֹיךְ טָארְן פְרוֹיעֶן אוֹיךְ נִישְׁט קוּקְן דִי קְלִיפְּס, עֶס מַאכְט חָרוּב דִי לֶעבְּן.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ, אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט הָאבְּן גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת.

...

## אַוֶועקְנֶעמֶען דִי פְּחָדִים בַּיינַאכְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י״ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן

**... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

דַיין טַאטֶע הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז דוּ הָאסְט לֶעצְטְנְס פְּחָדִים, עֶר הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל דִיר שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו מִיט אַ תְּפִלָּה.

פַאר דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן זָאלְסְטוּ לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת ה.): ״כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ, מַזִּיקִין בְּדֵילִין הֵימֶנּוּ״, וֶוען מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע גֵייעֶן אַוֶועק אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, נָאךְ זָאגְן אוּנְז חֲזַ״ל (שָׁם): ״כָּל הַקּוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע עַל מִטָּתוֹ כְּאִילוּ אוֹחֵז חֶרֶב שֶׁל שְׁתֵּי פִּיּוֹת בְּיָדוֹ״, קְרִיאַת שְׁמַע אִיז אַזוֹי וִוי אַ שַׁארְפֶע שְׁוֶוערְד וָואס הַרְגְ׳עֶט אוֹיס אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

יֶעדֶע נַאכְט פַאר דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן זָאלְסְט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע, דָאס וֶועט מַאכְן עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אִין דִיר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, דוּ וֶועסְט וִויסְן אַז קֵיינֶער קֶען דִיר גָארְנִישְׁט טוּן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט דִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר; דוּ וֶועסְט מֶער נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם.

נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ גֵיין צוּ דִי הֵיילִיגֶע מְזוּזָה, כַּאפּ אָן דִי מְזוּזָה אוּן זָאג:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, הִיט מִיר אָפּ פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ"; מְזוּזָה אִיז דִי אוֹתִיוֹת זָז מָוֶת (תִּיקוּנֵי זוֹהַר תִּיקוּן כב, סד:); מְזוּזָה נֶעמְט אַוֶּועק אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

נָאכְדֶעם, וֶוען דוּ בִּיסְט אִין בֶּעט זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ בִּיסְט מִיט מִיר; דוּ בִּיסְט דָא, דוּ הִיטְסְט מִיר, קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן, וַוייל דוּ בִּיסְט מִיט מִיר"; דִי וֶוערְטֶער זָאלְסְטוּ אִיבֶּער זָאגְן בִּיז עֶס וֶועט אַוֶּועק גֵיין אַלֶע פְּחָדִים.

בֶּעט דַיין מַאמֶע זָאל אָנְצִינְדְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רלד): "מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים בְּרֶענְגְט גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת, עֶס נֶעמְט אַוֶּועק אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת"; שְׁלָאף אַיין בַּיינַאכְט מִיט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִיקִים - וֶועסְטוּ מֶער נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז מֶען נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינֶעם לֶעבְּן, הָאט מֶען אַ חַיִים טוֹבִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ', קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס שְׁטֵייט (שְׁמוֹת יז, יא) אַז וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעהַאלְטְן זַיינֶע הֶענְט אִין דִי הֵייעךְ הָאבְּן דִי אִידְן מְנַצֵּחַ גֶעוֶוען, פְרֶעגְן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (רֹאשׁ הַשָּׁנָה כט.): "וְכִי יָדָיו שֶׁל מֹשֶׁה עוֹשׂוֹת מִלְחָמָה אוֹ שׁוֹבְרוֹת מִלְחָמָה", צִי טוּט דֶען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ'ס הֶענְט מַאכְן מֶען זָאל מְנַצֵּחַ זַיין אָדֶער פַארְלִירְן? "אֶלָּא כָּל זְמַן שֶׁהָיוּ יִשְׂרָאֵל מִסְתַּכְּלִים כְּלַפֵּי מַעְלָה וּמְשַׁעְבְּדִין אֶת לִבָּם לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם, הָיוּ מִתְגַּבְּרִים; וְאִם לָאו, הָיוּ נוֹפְלִין", נָאר וָואס דֶען, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעזִיצְן אוּן גֶעוִויזְן מִיט זַיינֶע הֶענְט אוֹיף אַרוֹיף, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר

דִי אִידְן: "קוּקְט אַרוֹיף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן!" "הָאטְס נִישְׁט מוֹרָא פוּן עֲמָלֵק".

עֲמָלֵק וִויל אוּנְז שְׁוַואךְ מַאכְן, עֶר מַאכְט סְפֵיקוֹת אִין דִי אֱמוּנָה, עֶר רֶעדְט אַיין דֶעם מֶענְטְשׁ: 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט נִישְׁט אוֹיס דַיינֶע תְּפִילוֹת', עֶר מַאכְט טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אַז דִי תְּפִילוֹת וֶוערְן נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען וְכוּ' וְכוּ'; קוּמְט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן וַוייזְט מִיט דִי הֶענְט אוֹיף אַרוֹיף, מִיר זָאלְן קוּקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס יֶעדֶע תְּפִלָּה.

אַז מֶען נֶעמְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִינֶעם לֶעבְּן - וֶוערְן בָּטֵל אַלֶע דִינִים אוּן מֶען לֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (סַנְהֶדְרִין סז:): אַ כִּישׁוּף מַאכֶערְ'ן הָאט גֶעוָואלְט מַאכְן כִּישׁוּף אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן אֲמוֹרָא רֶבִּי חֲנִינָא, הָאט אִיר רֶבִּי חֲנִינָא גֶעזָאגְט: "אִי מִסְתַּיְּיעַת זִילִי עֲבִידִי, אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ כְּתִיב", דוּ קֶענְסְט פְּרוּבִּירְן מַאכְן כִּישׁוּף וִויפִיל דוּ ווִילְסְט אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט מוֹרָא פוּן דִיר, וַוייל עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (דְּבָרִים ד, לה): "אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ", עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְן בָּטֵל אַלֶע דִינִים אוּן אַלֶע כִּישׁוּף.

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן פַאר מִשְׁפָּחוֹת וָואס וַוארְטְן וְכוּ' זֵיי זָאלְן מַזְכִּיר זַיין שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת צַדִּיק, חֵלֶק ב', סִימָן כ): "עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁנּוּי בְּמַעֲשֶׂה בְּרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע", דוּרְכְ'ן דֶערְמַאנֶען דִי נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים קֶען מֶען טוֹישְׁן דִי טֶבַע; דֶערִיבֶּער אִיז גוּט מֶען זָאל זָאגְן כְּסֵדֶר דִי נֶעמֶען פוּן דִי צַדִּיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט אוֹיסְנֶוויינִיג, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: אַבְרָהָם, יִצְחָק, יַעֲקֹב, מֹשֶׁה, אַהֲרֹן, יוֹסֵף, דָּוִד אוּן שְׁלֹמֹה, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִּי, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב וְכוּ' וְכוּ', אוּן נָאךְ נֶעמֶען פוּן צַדִּיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט, אוּן נָאכְדֶעם זָאל מֶען זָאגְן דִי תְּפִלָּה: "יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם, אִין דִי זְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ דֶערְמַאנְט דִי נֶעמֶען פוּן דִי צַדִּיקִים, בִּזְכוּת זֵייעֶר תּוֹרָה, זֵייעֶר מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּן זֵייעֶר מְסִירַת נֶפֶשׁ ווִי זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועְן

פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, זָאלְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל גֶעבּוֹירְן גְרִינְג אַ גֶעזוּנְט קִינְד בְּרַמַ"ח אֵיבָרִים וּשְׁסָ"ה גִּידִים, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי אַלֶע טֶעג וָואס אִיךְ וַוארְט גְרִינְגֶערְהֵייט. נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר אַלֶע מִינֵי עַיִן הָרַע׳ס אַז קֵיינֶער זָאל מִיר נִישְׁט קֶענֶען שֶׁעדִיגְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן דַיין ווילְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג טוּן נָאר גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן פוּן דֶעם אַ נַחַת רוּחַ, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, יְ"יָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן אַז טֵייל גֶעבְּן זִיךְ אַן עֵצָה אַלֵיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח, י"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר דַארְפְט נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן אַז אַנְדֶערֶע מִשְׁפָּחוֹת שַׁאפְן זִיךְ אַלֵיינְס גוֹי׳טֶעס; הֶעכְסְטְנְס וֶועט אִיר אַרְבֶּעטְן וֵוייניגֶער.

אִיר זָאלְט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט אַייעֶר זַאךְ, אִיר מֶעגְט בֶּעטְן עֶקְסְטֶער גֶעלְט פַארְ׳ן זִיךְ פָּארֶען מִיט דֶעם; וֶוער עֶס ווִיל נֶעמֶען דוּרְךְ אַייךְ וֶועט גֵיין דוּרְךְ אַייךְ אוּן וֶוער עֶס ווִיל זִיךְ אַלֵיינְס פָּארֶען מִיט דֶעם - זָאל גֵיין אַלֵיינְס, וֶוערְט נִישְׁט גֶעטְשֶׁעפֶּעט פוּן דֶעם אַז מִשְׁפָּחוֹת גֶעבְּן זִיךְ אַן עֵצָה אָן אַייךְ.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר זֶען עֶס זָאל זַיין אִין שְׁטוּבּ אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער; אַז דִי מַאמֶע אִיז פְרֵיילִיךְ - זֶענֶען אַלֶע קִינְדֶער פְרֵיילִיךְ, אוּן אַז דִי קִינְדֶער זֶענֶען פְרֵיילִיךְ בַּאקוּמְט דִי מַאמֶע כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין מִיט דִי אַרְבֶּעט, קִינְדֶער וָואס הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע מַאמֶע זֶענֶען עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, זֵיי זֶענֶען

גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אוֹיבּ מֶען קוּמְט נִישְׁט צַייטְלִיךְ אִין כּוֹלֵל קֶען מֶען נִישְׁט קוּמֶען מֶער אִין כּוֹלֵל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י״ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אוֹיבּ מֶען קוּמְט נִישְׁט צַייטְלִיךְ אִין כּוֹלֵל קֶען מֶען נִישְׁט קוּמֶען מֶער אִין כּוֹלֵל; עֶס אִיז אַ חֶרְפָּה אוּן אַ בּוּשָׁה אַז אִינְגֶעלַייט זָאלְן אַרַיין שְׁלָאפְן אִין טָאג אַרַיין, קוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ עֶלְף אַזֵייגֶער.

אוֹיבּ וֶועסְטוּ וַוייטֶער אַזוֹי מַמְשִׁיךְ זַיין - זָאלְסְטוּ זִיךְ זוּכְן אַ צְוֵוייטֶע כּוֹלֵל אָדֶער גֵיי זוּךְ דִיר אַ פַּרְנָסָה, בַּיי אוּנְז אִין כּוֹלֵל קֶענְסְטוּ נִישְׁט מַמְשִׁיךְ זַיין אַזוֹי.

דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן אָנְהֵייבְּן כּוֹלֵל צֶען אַזֵייגֶער אִיז נָאר פַאר דִי וָואס לֶערְנֶען שׁוֹין פַארְטָאגְס וְכוּ׳, אָנְהֵייבְּן דֶעם טָאג צֶען אַזֵייגֶער אִיז אוֹיךְ אַ לֵיצָנוּת, וֶוען יֶעדֶער אִינְגֶערְמַאן דַארְף שׁוֹין זַיין אַכְט אַזֵייגֶער בַּיי דִי אַרְבֶּעט; אַז דָאס אִיז שׁוֹין אוֹיךְ צוּ פְרִי - זָאלְסְטוּ זִיךְ זוּכְן אַ צְוֵוייטֶע כּוֹלֵל, אָדֶער אַ דְזְשַׁאבּ.

...

## וֶוען אִיר גְרֵייט זִיךְ צוּ דִי חֲתוּנָה זָאלְט אִיר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י״ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״א לִפְרָט קָטָן **הַכַּלָּה ... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא**

מַזָּל טוֹב פַאר אַייעֶר שִׁידוּךְ! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט

זוֹכֶה זַיין צוּ לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת אִינְאֵיינֶעם מִיט אַייעֶר טַייעֶרֶער חָתָן.

יֶעצְט וֶוען אִיר גְרֵייט זִיךְ צוּ דִי חֲתוּנָה זָאלְט אִיר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן; עֶס אִיז נִישְׁט וֶוערְד דִי גַאנְצֶע חֲתוּנָה הָאבְּן אוֹיב מֶען טוּט וֵויי דִי מַאמֶע, עֶס אִיז נִישְׁט וֶוערְד דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן וֵויי צוּ טוּן טַאטֶע מַאמֶע. אַז אַייעֶר מַאמֶע וויל אַייךְ קוֹיפְן אֵיין זַאךְ אוּן אִיר ווילְט אַ צְוֵוייטֶע זַאךְ, זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, אִיר קֶענְט אֵיינְמָאל זָאגְן שֵׁיינֶערְהֵייט: "מַאמִי, אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק דִי קְלֵייד, דִי שִׁיךְ וְכוּ'", אוּן אַז אַייעֶר מַאמֶע וויל אַנְדֶערְשׁ - זָאלְט אִיר גֵיין וִוי זִי וִויל.

פַארְגֶעסְט נִישְׁט, נָאךְ אַבִּיסְל זֶענְט אִיר דִי מַאמֶע; נָאךְ אַבִּיסְל וֶועט אִיר זָאגְן פַאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער וָואס צוּ טוּן, וִוי אַזוֹי וֶועט אִיר זִיךְ שְׁפִּירְן וֶוען אַייעֶר קִינְד וֶועט זִיךְ אַוֶועק גֵיין, זִי וֶועט נִישְׁט וֶועלְן רֶעדְן מִיט אַייךְ? זִי וֶועט נִישְׁט אָנְנֶעמֶען וָואס אִיר זָאגְט?

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט אָנְנֶעמֶען מַיין בְּרִיוו, וֶועט אַייךְ גוּט זַיין.

...

## הָאסְט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט דַיין טֶעבְּלֶעט, בִּיסְטוּ אַרוֹיס פוּן תְּפִיסָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַיין וַוייבּ דֶערְצֵיילְט מִיר מִיט אֵיין שִׂמְחָה דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז דוּ הָאסְט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט דַיין טֶעבְּלֶעט, זִי אִיז אַזוֹי פְּרֵיילִיךְ דִיר צוּרִיק צוּ הָאבְּן אִין שְׁטוּב גֶעזוּנְטֶערְהֵייט.

פְּרֶעג דֶעם דַיָּין שְׁלִיטָ"א אוֹיב דוּ זָאלְסְט בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַגּוֹמֵל, וַוייל וֶוען מֶען קוּמְט אַרוֹיס פוּן תְּפִיסָה דַארְף מֶען בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַגּוֹמֵל (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים סִימָן ריט, סְעִיף א); דִי שְׁאֵלָה אִיז וֶוען מֶען לֵייגְט אַוֶועק דֶעם טֶעבְּלֶעט אוּן מֶען וֶוערְט אַ בֶּן חוֹרִין, מֶען קֶען אַהֵיים קוּמֶען, מֶען קֶען לֶעבְּן - אֶפְשָׁר זָאל מֶען בֶּענְטְשְׁן גּוֹמֵל.

גֶעדֶענְק'זְשֶׁע דִי נִסִים וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט מִיט דִיר גֶעטוּן, דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אַ בָּחוּר, אַן אוּמְבַּא'טַעמְ'טֶער בָּחוּר, עֶס אִיז גֶעקְרָאכְן אוֹיף דִיר לַייז; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעבְּרֶענְגְט אַ מַתָּנָה פוּן הִימְל אַן אֵשֶׁת חַיִל, זָאלְסְטוּ טוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט זִי זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ; זִי אִיז אַ רִיכְטִיגֶע אֵשֶׁת חַיִל.

...

## אַז מִיר וֶועלְן אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם וֶועלְן מִיר אוֹיסְטֶערְלִישׁ מַצְלִיחַ זַיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, חַבֵר הַנְהָלָה מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ**

אוּנְזֶער הַצְלָחָה לִיגְט אִין עֶנְקֶערֶע הֶענְט, אוֹיב וֶועט זַיין שָׁלוֹם צְוִוישְׁן דִי חֲבֵרִים וֶועלְן מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין.

מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז נִישְׁט אוֹיב ... וֶועט רֶעדְן צוּ ... אוּן ... צוּ אַ דְרִיטְן; אִיךְ וֶוער נִישְׁט צֶעפַּאלְן וֶוען דֶער לַאכְט אוּן דֶער שְׁפֶּעט, מֶען הָאט אַלֶע יָארְן גֶעשְׁפֶּעט אוּן מֶען וֶועט וַוייטֶער שְׁפֶּעטְן, נִישְׁט דָאס אִיז מַיין פְּרָאבְּלֶעם, מַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז וֶוען מַיינֶע תַּלְמִידִים, מַיין הַנְהָלָה וָואס אִיךְ גֶעטְרוֹי - הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט לִיבּ, מֶען הָאט אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, דָאס אִיז נִישְׁט גוּט.

וֶוען מֶען קוּמְט זִיךְ צוּזַאם אֵיינְמָאל אַ וָואךְ זָאל מֶען זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן, נִישְׁט הַאלְטְן אִין זִיךְ, נִישְׁט זִיךְ אוֹיפְּעֶסְן; נָאר אַלֶעס אַרוֹיסְגֶעבְּן אוֹיף אַ שֵׁיינֶעם וֶועג.

אַז מִיר וֶועלְן אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם וֶועלְן מִיר מַצְלִיחַ זַיין - נִישְׁט סְתָּם, מִיר וֶועלְן אוֹיסְטֶערְלִישׁ מַצְלִיחַ זַיין.

...

## בָּרוּךְ ה׳ עֶס אִיז נָאר דִי קוּ

אוֹי וֵויי, אוֹי וֵויי, וָואס וֶועט דָא זַיין ?! מִיר וֶועלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין גֶעלְט! דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, דִי מַאמֶע מִיט דִי קִינְדֶער הָאבְּן אַלֶע גֶעוֵויינְט, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען זֵייעֶר קוּ אִיז טוֹיט; זֵייעֶר אֵיינְצִיגְסְטֶע קוּ, זֵייעֶר פַּרְנָסָה; וָואס וֶועט יֶעצְט זַיין, פוּן וואוּ וֶועלְן מִיר הָאבְּן פַּרְנָסָה?!

פְּלוּצְלוּנְג זֶעעֶן זֵיי ווִי דֶער טַאטֶע, רֶבִּי אַהֲרֹן קוּמְט אַהֵיים; רֶבִּי אַהֲרֹן קוּבְּלִיטְשֶׁער אִיז גֶעוֶועזְן אַ פְּרֵיילִיכֶער אִיד, אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חָסִיד, אַלֶע הָאבְּן אִים לִיבּ גֶעהַאט, עֶר הָאט טַאקֶע גָארְנִישְׁט גֶעהַאט אִין שְׁטוּבּ, עֶר אִיז גֶעוֶועזְן זֵייעֶר אָרֶעם אָבֶּער אֵיין זַאךְ הָאט עֶר יָא גֶעהַאט, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע שְׂמֵייכְל, עֶר אִיז אַלְץ גֶעוֶועזְן פְרֵיילִיךְ.

אַלֶע הָאבְּן גֶעווּסְט פוּן רֶבִּי אַהֲרֹן; דִי גַאנְצֶע דֶערְפְל קוּבְּלִיטְשׁ הָאבְּן גֶעקֶענְט דֶעם טֵייעֶרְן אִיד רֶבִּי אַהֲרֹן, אוֹיךְ דֶער פָּרִיץ פוּן קוּבְּלִיטְשׁ הָאט אִים זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט, עֶר הָאט אִים גֶעשָׁאנְקֶען אַ מַתָּנָה אַ קוּ. וֶוען זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען דֶעם קוּ הָאט רֶבִּי אַהֲרֹן׳ס וַוייבּ אוֹיפְגֶעלֶעבְּט, זִי

הָאט גֶעזָאגְט: ״שְׂכֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר וֶועלְן שׁוֹין נִישְׁט אוֹיסְגֵיין פַאר הוּנְגֶער; יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֶועלְן מִיר מֶעלְקְן דֶעם קוּ אוּן פַארְקוֹיפְן פְרִישֶׁע וַוארֶעמֶע מִילְךְ, מִיר וֶועלְן הָאבְּן גֶעלְט צוּ קֶענֶען קוֹיפְן בְּרוֹיט פַאר דִי קִינְדֶער״.

אֵיין אִינְדֶערְפְרִי זֶעעֶן זֵיי וִוי דֶער קוּ לִיגְט טוֹיט אוֹיף דֶער עֶרְד, זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן אוּן וֵויינֶען: ״אוֹי וֵויי, אוֹי וֵויי, וָואס וֶועט דָא זַיין?! מִיר וֶועלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין גֶעלְט! פוּן וואוּ וֶועלְן מִיר הָאבְּן פַּרְנָסָה?!״



רֶבִּי אַהֲרֹן קוּמְט אַהֵיים אוּן הֵייבְּט אָן טַאנְצְן: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער! "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער! "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!" אַהֲרֹן - שְׁרֵייט זַיין וַוייבּ: - "וָואס אִיז מִיט דִיר גֶעשֶׁען, פַארְוָואס טַאנְצְטוּ? דוּ זֶעסְט נִישְׁט אַז דֶער קוּ אִיז טוֹיט?! פוּן וואוּ וֶועלְן מִיר הָאבְּן פַּרְנָסָה?" רֶבִּי אַהֲרֹן זָאגְט אִיר: "טַאקֶע פַארְדֶעם טַאנְץ אִיךְ; אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי קִינְדֶער לֶעבְּן, אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ לֶעבְּסְט, שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מִיר זֶענֶען אַלֶע גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק".

דָאס אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, עֶר זוּכְט דָאס גוּטְס, עֶר וֶוערְט נִישְׁט צֶעפַאלְן וֶוען עֶפֶּעס גֵייט אִים שְׁלֶעכְט; וֶוען זַיין קַאר צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ הֵייבְּט עֶר אָן טַאנְצְן: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער יֶעדֶער אִיז גֶעזוּנְט", וֶוען עֶפֶּעס אִין שְׁטוּבּ צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ טַאנְצְט עֶר אוּן זִינְגְט: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער!"

לָאמִיר אַלֶע צוּזַאמֶען טַאנְצְן אוּן זִינְגֶען: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר אוּנְזֶער שֵׁיינֶע לֶעבְּן!"

**חשוב׳ע קינדער שיחיו!**

**די קומענדיגע גורל גייט אם ירצה ה׳ פארקומען קומענדיגע פרייטאג פרשת משפטים - א׳ דראש חודש אדר, הבא עלינו לטובה.**

**מיט יעדע מעסידזש וואס מען שיקט אריין גייט מען נאכאמאל אריין אינעם גורל!**

**א חלק פון די הערליכע מעסידזשעס וואס די חשוב׳ע קינדער שיחיו האבן אריינגעשיקט:**

**״איך האב זיך ארויסגעלערנט פון עצתו אמונה צו בעטן אסאך דעם אייבערשטן עס זאל זיין ליבשאפט, מ׳זאל זיין באחדות, מ׳זאל זיך אליינס ליב האבן און ליב האבן א צווייטן״.**

יעקב אהרן לעווי, תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב, קרית יואל

**״איך האב זיך ארויסגעלערנט פון די מעשה פון עצתו אמונה פאר קינדער, אז מ׳דארף זיך שטארקן מיט אמונה; אפילו ווען מ׳זעט אז מ׳קען גארנישט טון דארף מען נאכאלץ בעטן דעם אייבערשטן און אזוי קען מען ווערן געראטעוועט״**

הבחור שלום שניצלער, תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב, וויליאמסבורג, כתה ט׳ - הר״ר יחזקאל סאמעט שליט״א

**״איך האב זייער הנאה געהאט פון די מעשה אין עצתו אמונה פאר קינדער, ווי דער רבי האט געוויינט ער זאל פארשטיין די משניות און זוהר״.**

אבא ראובן שרייבער, אנטווערפן

בס"ד


נייעס פון "קול ברסלב"
212-444-9191
845-351-0910
מאנטאג בשלח – זונטאג יתרו תשפ"א
טעגליכע קורצע עצות און חיזוק, ווי אויך אנצוקומען שנעל צו די נייסטע שיעורים
1
שיעורים און דרשות פון דער ראש ישיבה שליט"א
2
שיעורים פון מוהרא"ש ז"ע
3
מלמדים שטיבל און אנדערע שיעורים
4
היכל נגינה
5
שיעורים בסדרן מיט צו זאגן
6
פאמיליע ווינקל
7
8
צו מנדב זיין פאר די האטליין און ישיבה, פאר אנווייזונגען און אינפארמאציע, זיך צו פארבינדן מיט די מערכת און פאר די לייוו הוקאפ
9
אפדעיטס און נייעס
0
7
1
2
2
7
1
4
5

80 - שיעור פון מאנטאג בשלח: א געפיל פאר יענעם

81 - שיעור פון דינסטאג בשלח: חמשה עשר בשבט

82 - שיעור פון מיטוואך בשלח: א פשוט'ער פרייליכער איד'ל

83 - דאנערשטאג בשלח: א דרשה פאר די קינדער פון כתה ד' אין היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי

84 - דאנערשטאג בשלח (קרית ברסלב): סעודת חמשה עשר בשבט

85 - מוצאי שבת קודש פרשת בשלח: סעודת הילולת מוהרא"ש זי"ע

1

73 - חיזוק פאר מחנכים פון דאנערשטאג בשלח

3

פרישע שמועסן אין מלמדים שטיבל

1

שיינע שמועסן ביים סוף פון פסחים דף סו [טשעפע נישט און ווער נישט געטשעפעט], סז [א שיינע שמועס אין חינוך], סח [א לענגערע שמועס אין חינוך], סט [א חינוך שמועס], עא [**יעדער קען לערנען תורה**].

פרישע מעשיות פון תפלה פון אינגעלייט, בחורים און קינדער

פרישע פערזענליכע מעשיות און חיזוק אויף הפצה

94 - א שמועס מיט ר' משה רייך פון לעיקוואד, ווי אזוי מען קען דינען דעם אייבערשטן מיט פאטעיטא טשיפ און זכר בונדלעך

95 - א שמועס מיט ר' שמואל אליעזר פערל פון לאנדאן, וואו איז דא צו באקומען היינט מן צו עסן?

96 - א שמועס מיט ר' משה ארי' שניצלער איבער דריי מתנות וואס מען האט באקומען פון מוהרא"ש זי"ע

97 - א הערליכע לענגערע שמועס מיט ר' יואל שניצלער, איבער דעם הייליגן ספר עצתו אמונה-די גאר אויפגעכאפטע בריוון וואס זענען מחי' די גאנצע וועלט, פון ווען עס האט זיך אנגעהויבן ביז ווי עס האלט היינט צו טאגס, און איבער די סובסקריפשן וואס מען קען יעצט באקומען אויף די פאסט

בס"ד

# שיעורים און דרשות פון דער ראש ישיבה שליט"א פון די פארגאנגענע יארן

~דרוקט 1 פאר אידיש, 2 פאר שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א און דערנאך 1 פאר טעגליכע דרשות~

2, 29: ה' יתרו תשע"ו - רעדן צום אייבערשטן; כיבוד אב ואם
2, 30: א' משפטים תשע"ו - משניות ברענגט צוריק דעם מח
2, 31: ב' משפטים תשע"ו - תורה מאכט קלוג און נעמט אוועק די פחדים
2, 32: ג' משפטים תשע"ו - רעדן ווי א איד

3, 60: ב' יתרו תשע"ז - ס'קומט זיך מיר
3, 61: ג' יתרו תשע"ז - מעג א בחור דרייוון?
3, 62: ד' יתרו תשע"ז - וואקאציע
3, 63: ה' יתרו תשע"ז - א גוטע אינוועסטמענט
3, 64: א' משפטים תשע"ז - די ציגעלע מיט'ן פערד
3, 65: ב' משפטים תשע"ז - וויפיל האט ער איבערגעלאזט?
3, 66: ג' משפטים תשע"ז - שירה וזמרה
3, 67: ד' משפטים תשע"ז - די מיידל אויפ'ן אינזל

4, 61: ב' יתרו תשע"ח - זויבערע אויגן
<u>4, 62: ד' יתרו תשע"ח - מופתים פון מוהרא"ש זצ"ל</u>
4, 63: א' משפטים תשע"ח - ס'איז נאכאלץ שובבי"ם
4, 64: ג' משפטים תשע"ח - א כלה אדער א מגילה האלטער?
4, 65: ד' משפטים תשע"ח - וועק זיך אויף
4, 66: ד' משפטים תשע"ח - בית המדרש ברסלב מאנסי
4, 67: ה' משפטים תשע"ח - זיי מיר מוחל

5, 67: א' יתרו תשע"ט - פארוואס אזויפיל חיזוק?
5, 68: ב' יתרו תשע"ט - העלף מיר טאטע
<u>* [דער שיעור געפונט זיך אויך ביי די סעודת הילולא אפטיילונג] 5, 69: ג' יתרו תשע"ט - סעודת הילולת מוהרא"ש זכותו יגן עלינו</u>
5, 70: ד' יתרו תשע"ט - דער אייבערשטער רעדט צו מיר
5, 71: ה' יתרו תשע"ט - באשעפער געב מיר ליבשאפט
5, 72: א' משפטים תשע"ט - נישט מלאך און נישט גלח
5, 73: ג' משפטים תשע"ט - אנטלויפן
5, 74: ד' משפטים תשע"ט - געזונטע אויגן

5, 75: מוצאי שבת קודש פרשת משפטים תשע״ט - שבע ברכות להחתן לייבי אפפעל נ״ו

6, 74: א׳ יתרו תש״פ - חמשה עשר בשבט

6, 75: ב׳ יתרו תש״פ - ציטערט פון די אייגענע שאטן

* [דער שיעור געפונט זיך אויך ביי די סעודת הילולא אפטיילונג] 6, 76: ג׳ יתרו תש״פ [י״ז שבט] - הילולת מוהרא״ש זצ״ל

6, 77: ד׳ יתרו תש״פ - לויף נישט אוועק

6, 78: ה׳ יתרו תש״פ - סיום הש״ס פון הבחור אברהם אלי׳ זעלקאוויטש

6, 79: א׳ משפטים תש״פ - פארוואס רעדן אזויפיל?

6, 80: ב׳ משפטים תש״פ - עס מיט אפעטיט

6, 81: ג׳ משפטים תש״פ - א מיליאן דאלער

6, 82: ד׳ משפטים תש״פ - דערציייל נישט קיינעם

## סעודות הילולא פון מוהרא״ש זצ״ל

~דרוקט 1 פאר אידיש, 2 פאר שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט״א, דערנאך 3 פאר מועדים וזמנים, 7 פאר זמני השנה, 3 פאר די יארצייט פון מוהרא״ש~

1 - ג׳ יתרו תשע״ו - סעודת הילולת מוהרא״ש זכותו יגן עלינו

2 - א׳ יתרו תשע״ז - סעודת הילולת מוהרא״ש זכותו יגן עלינו

3 - ה׳ יתרו תשע״ח - סעודת הילולת מוהרא״ש זכותו יגן עלינו

4 - ג׳ יתרו תשע״ט - סעודת הילולת מוהרא״ש זכותו יגן עלינו

5 - ג׳ יתרו תש״פ [י״ז שבט] - הילולת מוהרא״ש זצ״ל

## שיעורים פאר אינגעלייט:

~דרוקט 1 פאר אידיש, 2 פאר שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט״א און דערנאך 2 פאר וועכנטליכע דרשות~

2, 11: ב׳ משפטים תשע״ז – זי האט שוואכקייטן

3, 16: ב׳ משפטים תשע״ח – שכל צום לעבן

4, 15: ה׳ משפטים תשע״ט – קוק אויף עס גוט

5, 17: ד׳ משפטים תש״פ – האלב אויף האלב